STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09225

IN LIKHT FUN FARGANG

Yosef Papyernikov

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. פאַפּיערניקאָוו

*

אין ליכט פון פאַרגאַנג

י. פּאַפּיערניקאָוו

אין ליכט פון פאַרגאַנג

לידער

פאַרלאַג „המנורה", תל־אביב
תשכ"ט — 1969

J. PAPIERNIKOV

IN LICHT FUN FARGANG

י. פּאַפּיערניקאָוו / אין ליכט פון פאַרגאַנג

פאַרלאַג „המנורה״, רח׳ זנגביל 24, ת״א, ישראל

„Hamenora" Publishing House

24, Zangwill Str. Tel-Aviv, Israel

©

כל הזכויות שמורות

נדפס בישראל

Printed in Israel

דפוס „ארזי״ בע״מ, ת״א, רח׳ אילת השחר 4, טל. 34294

*

בײַ דער שאַרפֿסטער זעלבסטקריטיק וואָס אַ שרײַבער זאָל נאָר אָנווענדן לגבי זײַן אײגענער שאַפֿונג, וועט אים דאָך נישט לײַכט־זײַן אַלײן פֿעסטצושטעלן וועלכע פֿון זײַנע שאַפֿונגען געהערן צו די מער־געלונגענע און וועלכע — צו די װײניקער־געלונגענע.

דער שרײַבער וואָס דאַרף אַלײן אויסװײלן וועלכע פֿון זײַנע שאַפֿונגען זענען ראוי צו זען די ליכטיקע שײַן און וועלכע נישט — פֿילט זיך בבחינת אַ טאַטע אָדער אַ מאַמע צו אירע לײבלעכע קינדער וואָס אַלע זענען זײ איר ליב און טײַער — כאָטש נישט אַלע זענען זײ אין דער זעלבער מאָס געראָטן.

מיר אַלײן איז נישט אײנמאָל אויסגעקומען צו פּסלענען אַ סך פֿון מײַנע לידער מיט וועלכע כ'האָב זיך אין אַ צײַט שפּעטער איבערגעבעטן און, אין אַ בוך — זײ אָפּגעגעבן זײער פֿאַרדינט אָרט.

אויך דאָסמאָל, אין מײַן נײַעם לידערבוך „אין ליכט פֿון פֿאַרגאַנג" האָב איך אַרײַנגענומען אַ צאָל לידער פֿון וועלכע כ'האָב זיך אָפּגעזאָגט אין מײַנע פֿריערדיקע ביכער.

דער רוב פֿון די „איבערגעבעטענע" לידער געפֿינען זיך אין דער ערשטער אָפּטײלונג „איבערבלײַב", אינעם ציקל „מײַן שיר השירים" צו וועלכע כ'האָב צוגעגעבן די שפּעטער־געשריבענע לידער: „אַלײן", „פֿאַלנדיקע שטערן", „אַזאַ ווי דו" און „אין מײַן עלטער..."

אויך אין דער צווײטער אָפּטײלונג „מײַן וועלט", אינעם ציקל „פֿאַרגײענ־דיקס" — געפֿינען זיך אַ צאָל לידער וואָס כ'האָב אַמאָל געהאַט געפּסלט און זײ נישט רײַנגענומען אונטער די טאָוולען פֿון אַ בוך.

מיטן אויסנעם פֿון עטלעכע לידער וואָס כ'האָב דאַטירט און, די דאַטעס אָנגעגעבן נישט אונטן, נאָר אויבן, בײַ די קעפּלעך פֿון די לידער — האָב איך דאָסמאָל נישט אָנגעגעבן די דאַטעס ווען און װוּ זײ זענען געשריבן געוואָרן — מחמת עס זעט מיר אויס צו זײַן איבעריק דאָס אָנגעבן דאַטעס אונטער לידער וואָס זענען נישט געבונדן מיט צײַט און אָרט — ווי דאָס זענען דער רוב פֿון מײַנע לידער אינעם איצטיקן בוך.

י. פּ.

איבערבלייב

פון מיין שיר השירים

*

ביסט איינע פון יענע,
צו וועמען כ'האָב אַריינגעקוקט אין חלום —
דורך פאַרבלאָטע שויבן,
און פאַר זיי — מיין טויבנשלאַג געעפנט,
און נאָך זיי,
אַרויסגעשיקט די טויבן.

ביסט איינע פון יענע,
אין וועמענס טיר כ'האָב אָנגעקלאַפּט
מיט פיבערדיקן ציטער,
און געבעטן מיט די אויגן:
— עפנט, יונגע שניטערינס — אַ שניטער!

*

דער טוי פון דיינע צוואָנציק פרילינגס איז אויף מיר געפאַלן
ווי אַ זומעררעגן נאָך אַ לאַנגער טרוקעניש,
און צעעפנט — אויפגעשלאָגן האָבן צוואָנציק קוואַלן
פון מיין טיף, מיין שטיינערנער, איצט לעבעדיק און פריש.

דער גאָרטן פון מיין ווינעדיק געמיט האָט אויפגעוואַכט
און אויפגעבליט פון פרייד, אַז כ׳קאָן נאָך האָבן וועמען ליב,
און ס׳טירל, וואָס אַיעדער ווינט האָט אויף און צוגעמאַכט —
האָט אויפגעהערט צו וויגן זיך מיט זשאַווערדיקן סקריפ...

*

האָסט אונטערגעצונדן דאָס האַרץ מיר
און — ס׳ברענט ווי אַ וואַלד — נישט צום לעשן,
נאָר לאָזן אים אויסברענען, אויסברענען
ביז צו דעם פניאָק, צו דעם לעצטן.

עס זענען דערפאַר מיינע לידער צו דיר:
פאַרצווייפלטע פייגל,
וואָס ציען מיט סמאַל פון דער שריפה —
אַ נעסט אויף דיין דאַך צו פאַרלייגן...

האָסט אונטערגעצונדן דאָס האַרץ מיר
און — ס׳ברענט ווי אַ וואַלד,
און די פלאַמען פאַרלויפן ווי רייטער —
דיין וועג פון אַנטרינונג.

*

ווי אַ נר־תמיד — ברענט אין מיר ס'ליכט
פון מיין ליבע צו דיר.
עס האָבן זי ווינטן אַ סך שוין געלאָשן,
און דאָך — נישט פאַרלאָשן.

וועט מיין נר־תמיד פון ליבע צו דיר
ווען־ס'איז אויסברענען?
אָדער, ס'וועט אויסגיין, וועט אויסגיין
צוזאַמען מיט מיר?..

*

כ׳קאָן שוין קאַלט און רואיק מיט דיר רעדן.
כ׳בין פון ליבן דיך — אַ מידער און אַ מאַטער,
ווי כ׳וואָלט אויסגעשפּיגן שוין מיין פייער,
ווי עס שפּייט די לאַווע אויס, דער קראַטער, —

קאָן איך קאַלט און רואיק מיט דיר רעדן,
רואיק, אָן דעם אייפערדיקן פלאַם,
און שניידיק קאַלט ווי ס׳איז דער ווינט פון צפון,
און אַ שווימענדיקער אייזבאַרג אויפן ים.

*

כ׳מעג נאָך איר פֿאַרמאַכן שוין די טיר.
ז׳איז אַוועק אויף נישט צו קומען מער,
נאָר מיין צימער איז נאָך פול מיט איר,
ווי כ׳בין פול פֿאַר איר מיט מיין באַגער.

כ׳מעג נאָך איר פֿאַרמאַכן שוין די טיר.
ז׳איז אַוועק, אַוועק, נאָר ס׳וועט נאָך לאַנג
זיין מיין צימער פול מיט גוט׳ס נאָך איר,
ווי כ׳בין פול מיט טרויער פון פֿאַרגאַנג.

פֿאַלנדיקע שטערן

פֿאַר פּ. ל.

א

פֿאַלנדיקע שטערן —
דערמאָנען מיך אָן דיר.
דערמאָנען מיך — ווי דו
געוויינט האָסט, ווי אַ קינד פֿאַר מיר,
געוויינט ביינאַכט אינדרויסן
אונטער פֿאַלנדיקע שטערן,
וועלכע האָבן זיך געלאָשן
אינעם ליכט פֿון דיינע טרערן.

ב

איר רירנדיקע טריישאַפט פֿאַלט מיר ווי צו לאַסט
און, כ׳האָב פון איר נאָר צער.
מיט וואָס זאָל איך איר אָפּדינען —
אַז איך פאַרמאָג נישט וואָס איר קומט דערפאַר?
אַז כ׳פיל זיך מיט דער גאַנצער וועלט־רייך מיינער —
קליין און אָרעם קעגן איר:
די פרוי וואָס קאָן זיך מקריב־זיין,
די פרוי וואָס האָט איר האַרץ געלאָזט ביי מיר...

מיט דיר

האָסט אײנגאַנצן מיך פֿאַרנומען —
בין איך פֿול איצט, פֿול מיט דיר —
כאָטש עס ליגט דער ים צעווישן
אונדז און, דו ביסט ווייט פֿון מיר;

ווייט און, נאָענט — במחשבה,
און אין חלום פֿון די נעכט —
לעב איך נאָר מיט דיר און כ׳היט דיך,
ווי עס היט דעם האַר — זײַן קנעכט.

יאָ, אַ קנעכט בין איך אין ליבן,
און איך שעם זיך נישט דערמיט,
און איך בענק נאָך יענעם ציטער —
ווען כ׳פֿלעג הערן דײַנע טריט;

און איך בענק נאָך אַלץ נאָך יענער
האַלבער נאַכט, בײַ דיר אין הויז —
ווען כ׳האָב שיכור — נישט געטראָפֿן
צו דײַן טיר — אויף צריק אַרויס...

אַזאַ ווי דו

אַמאָל, אַמאָל, שוין זייער לאַנג —
געליבט האָב איך אַזאַ ווי דו :
אַ ליכטיקע, אַ פולע זאַנג,
וואָס נויגט צום פעלד דאָס אויער צו...

אַזאַ ווי דו — דער זעלבער גאַנג,
די זעלבע שוועבנדיקע טריט,
די זעלבע שטים, דער זעלבער קלאַנג,
דער זעלבער ריטעם צו אַ ליד,

וואָס איז געוואָרן איצט — געזאַנג —
אַ שטיל געזאַנג פון מיר צו דיר —
אין דורשטיקייט נאָך אַ געטראַנק,
וואָס כ׳האָב געטרונקען עס ביי איר —

אַמאָל, אַמאָל שוין זייער לאַנג,
ווען כ׳האָב די פרילינגס נישט געציילט...
ווען כ׳בין געוועזן ליבע־קראַנק —
פון וואָס כ׳בין נאָכנישט אויסגעהיילט...

צו מיין פריינדין אַלין

מיידלשע מאַמע, מיין פריינדין אַלין —
שוין דיין נאָמען אַליין — אַזוי ווייך, אַזוי דין,
ווי דער קלאַנג פון אַ מאַיגלעקל —
רעגט צו געזאַנג
און באַוועגט — דיר צו שענקען אַ ליד, אַ געשאַנק.

ס'איז אַ שאָד מיר אַלין, וואָס איך קאָן נישט דיין שפּראַך,
וועלכע כ'האָב אַזוי ליב, בלויז פון הערן איר קלאַנג,
וואָס דערמאָנט אָן אַ קוואַל
אין זיין לויפיקן גאַנג
מיט געפליסטער און שעפּטש,
מיט געשאָרוו און געשאָרך,
וואָס איז נאָענט דעם דיכטערס געהער און געהאָרך.

און זייער אַ שאָד איז מיר פריינדין אַלין —
איך בין ווייניק באַקאַנט
מיט דיין גאַסטפריינטלעך לאַנד,
וואָס איך האָט אַזוי ליב, ווי אַ תושב דערין;
און כ'בין פול מיט פאַרערונג און ליבע, אַלין —
צו דיין פאָלק פון וואָלטער, פון דעקאַרט און דידראָ,
און פון נאָך אַ סך זיילן מיט ליכט פון געדאַנק,
וואָס באַגלייט נאָך ביז היינט, דעם געדאַנקלעכן גאַנג.
און ליב איז אַ פאָלק אַ דערהויבנס, ווי דיין —
פאַר זיין לייכטן, שאַרמאַנטן געדאַנקלעכן פלי,
וואָס איר רופט אים: עספּרי,

און ליב אויך דערפֿאַר, ווייל עס איז אינעם לעבן פֿאַרליבט,
ווי אַ מאַן — אינעם שענערן מין,
און — פֿאַר האָבן אַזעלכענע טעכטער,
ווי דו ביסט, מיין פריינדין אַלין.

אין מיין עלטער

געקאָנט וואָלט איך זיין איר אַ זיידע,
נאָר ליב האָב איך זי — נישט אַזוי ווי אַ זיידע, זיין אייניקל...
ליב, ווי מיטן ציטער פון דער ערשטער ליבע,
אין די ערשטע טעג פון פרילינג.

אַ ליבע אַזאַ, אין מיין עלטער —
ווערט פון פּאָעטן נישט קיינמאָל באַזונגען.
אַ ליבע אַזאַ, איז אַ סוד וואָס מען טראָגט אים אַרום
אַזוי לאַנג, ביז — מען ברענגט אים צו קבורה...

וווּנדערט מיך זייער, פאַרוואָס, ווען זי זעט מיך —
פאַרלויפט דאָס געזיכט איר מיט ראָז פון פאַרשעמונג
און, ס׳פאַלן ווי טונקעלע, ווייכע גאַרדינען
אַרונטער, די ווייעס איר, איבער די אויגן
און, ס׳שמייכלען די מויל־ווינקלען אירע, — באַהאַלטן —
אַ שמייכל אַזאַ וואָס דערמאָנט — מאָננאַ ליזאַ.

די יונגפרוי ווען איך באַזינג דאָ,
איז אַמאָל — אַ קליינס, אַ שטיפעריש —
געריטן אויפן קאָפּ מיר,
ליב־געהאַט צעשויבערן אויף אים מיין בלאָנדן וואַלד
און — לאַכן, לאַכן מיט הנאה
פון די איינפאַלן פון אירע
און, פון מיר — דעם נאָכגיביקן סבלן...

בין איך אפשר די דערמאָנונג פון איר קינדהייט ?
אָדער — ס׳קאָן טרעפן, אַז אויכעט אַ יונגפרוי
זאָל זיך אַרומטראָגן מיט אַ פאַרבאָרגענער ליבע
צו איינעם אַזאַ, לאָמיר זאָגן: ווי איך, אין מיין עלטער...

איך, און מיינע לידער

א

כ'קאָן אַ ליד, אַ ליד אָן ווערטער,
וואָס מען ברומט אין פּיין און קוועל,
ווי עס וואָלט געציפּט ביים האַרצן —
ס'וויינען פון אַ וויאָלאָנטשעל...

ס'איז דאָס ליד — דאָס ליד פון שווייגער,
וואָס פאַרמאָגן זייער שפּראַך:
ס'איז אַ ניגון, אַזאַ ניגון,
וואָס, אים הערן נישט קיין סך...

ב

שווייג איך און, לערן אויך אַלעמען שווייגן.
זינג איך און, לערן אויך אַלעמען זינגען;
כ'זוך די עליה; ס'געלייטערטע שטייגן;
ס'וואָרט וואָס זאָל שטום — פון דער טיפעניש, קלינגען.

שווייג איך און ווער אינעם שווייגן דערהויבן.
זינג איך און שטייג מיט געזאַנג, פון דער נידער.
כ'זוך אויף די וועגן — דעם וועג צו אַ גלויבן,
וואָס ווערט איז — אים דינען מיט תפילות, דורך לידער.

ג

איך קען מיינע לידער,
ווי כ׳קען מיינע פינגער;
איך בין זייער פּאָטער,
און זיי — מיינע קינדער,
וואָס וויגן זיך אומרואיק —
טיף, אין מיין האַרץ־וויג.

און שטענדיק, פאַרנאַכטצייט,
ביי רויטקייט פון שקיעה —
צעוויינען זיך פלוצעם אין מיר, מיינע קינדער:
די לידער, וואָס מאָנען בלחש, אַ תיקון,
און — רייסן זיך ערגעץ, צו ווייטן און הייכן —
אויף נישט־צו־דערגריין
און, אויף נישט־צו־דערגרייכן...

ד

זינג איך שוין אַזוי —
פון לייכטסטן ווינטעלע באַרירט,
פאַרכאַפּט פון יעדן מינדסטן שאָרך,
פון יעדן אָטעמצוג,
און — כ׳גיי אין פרייד־געזאַנגען אויף
צו יעדן מאָרגנרויט,
און ברום אַן אומעטיקס מיר אָפּ
פאַרנאַכט, צו מנחה־צייט.

זינג איך שוין אַזוי —
פאַראַן ביי מיר אַ סטרונע אָט אַזאַ,
אַ סטרונע „עף״,
וואָס פּאַטום האָט פאַרצויגן אויף מיין האַרץ,
פאַרצויגן זי מינאָרנע, אויף געוויין,
און אָנגעצויגן זי — צום פּלאַצן — צווישן יאָ און ניין.

ה

ווערט אַ ליד ביי מיר געבוירן —
לאָז איך פרי עס אָפּ אויף הפקר:
זענען פול מיט זיי די וועגן —
ווי מיט נע־ונעדע קינדער...

מיט אַ ווינטיק־קאַלטן ניגון —
קלאַפּן זיי אין טירן, פענצטער,
און זיי בעטן, בעטן רחמים:
— עפנט, עפנט גוטע מענטשן!
לאָזט אַריין אונדז, בלויז אויף אָפּרו!
אונדזער גאַנג איז אָן אַן אויסגאַנג,
אונדזער וועג איז אָן אַן אויסוועג,
און די נאַכט אויף אים — איז לענגער
פונעם לענגסטן טאָג אין תמוז.

טרעפט — אַז ערגעץ, ביחידות —
עפנט עמעץ אויף אַ טירל
פון אַ האַרץ און — לאָזט אַריין זיי.
און די לידער, מיינע לידער:
מיינע נע־ונעדע קינדער —
נעמען האַרציק־וואַרעם זינגען
דאָס געזאַנג פון לויב און ליבע,
וואָס איז רירנדיק ביז טרערן...

מיינע לידער

מיין יעדעס ליד בײַ מיר איז ס׳ערשטע און דאָס לעצטע
און — כ׳בין פול פון זיי מיט פרייד און טרויער;
פרייד — פון ברענגען זיי נאָך חבלי לידה,
טרויער — איבער זייער קורצן דויער.

זיי זענען מיינע איין־טאָג זומער־פייגעלעך,
וואָס קומען אויף דער וועלט, מיטן באַגינען —
דורכצולעבן דורכן טאָג — די אייביקייט
פון אומזיניקן זינען.

לויבט ווער מיינע לידער — מיינע קינדער, —
שטעלן זיך מיר אין די אויגן טרערן, —
וואָס זיי האָבן נישט דערלעבט ביים לעבן,
לויב צו הערן.

מיט לידער

ווער ס׳לייענט פאַר שלאָפן־גיין קריאת־שמע,
ווער ס׳זאָגט פאַרן שלאָפן־גיין תהילים,
און איך — פאַרן שלאָף — לייען לידער.
ס׳קאָן ווערן אַ ליד אויך, אַ תפילה.

זיץ איך ביים שיין פון מיין שטייללאָמפּ —
פאַרזונקען אין נאַכט און אין שאָטן
און, בלעטער און בלעטער און, לייען
די לידער, אַזוי ווי פון נאָטן;

איך זינג זיי אַראָפּ מיט די אויגן
און, נעם מיט ניגונים זיך איבער;
אָט ניגונט פאַר מיר אַ מתבודד,
אַ צווייטער — זינגט שירה בציבור;

און אָט איז אַ ליד פון מרידה,
אַ פערטנס אַ ליד — פון אהבה
און פלוצעם פליט אָן אין זכרון
אין מיינעם, „די גאָלדענע פאַווע״:

„געפלויגן... געפלויגן...״ און, איז נישט
דערפלויגן צום לאַנד צו דעם ווייטן;
צום לאַנד פונעם אייביקן פרידן,
צום לאַנד פונעם מענטש דעם באַפרייטן...

פארגייענדיקס

א

ווען דער טאָג גייט אַוועק —
בין איך רייך, אַזוי רייך!
כ׳בין דער יורש נאָך אים,
כ׳טראָג זיין מלכות פון ליכט —
אין די אויגן צעבערענט,
ווי צעצונדענע פענצטער,
וואָס קוקן אין ווייט,
דורך בראַנדיקע שויבן
אין שקיעה צעפלאַמט;
גייט פאַרביי פאַר מיר ווער,
שטעלט ער אָפּ זיך און גאַפט
אויף מיין וווּנדער־לעך־רייך,
וואָס כ׳צעזינג שטומערהייט
און — ער ווייסט נישט, אַז דאַן
ווען דער טאָג גייט אַוועק —
גיי איך מיט און פאַרגיי,
און פאַרפאַל מיט דער זון.

ב

דער טאָג שטאַרבט אָפּ,
דער טאָג שטאַרבט אָפּ
ביים מערב־ראַנד;
אין גסיסה פאַלט אַוועק זיין קאָפּ —
אויף פּורפּורנעם געוואַנט.
צוקאָפּנס אים — אַ פייערבראַנד,
צופוסנס שטייט אים דער פאַרנאַכט,
און דעקט אים איבער מיט אַ שוואַרצער הילע...

ס'טוליען ביימער אין די וועלדער זיך צונויף,
ווי דאַוועגער צו נעילה,
לאָזן טרויעריק אַראָפּ די קעפּ,
ווי עמעץ וואָלט אַרומגעגאַנגען
און געטיילט זיי לאַנגע שטיקער קרעפּ...

ג

כ׳גיי באַגלייטן
אַ טויטן :
דער טאָג איז געשטאָרבן —

גיי איך אים באַגלייטן.
כ׳וויל אים אָנקוקן אַ טויטן
אויף זיין בעט, דעם פורפור־רויטן.

כ׳וויל אויף אים אַ בליק נאָך געבן.
ס׳איז מיט אים איצט אָפּגעשטאָרבן
אויך אַ חלק פון מיין לעבן...

ד

ווי ס׳וואָלט אַ האָרן, אויסגעצויגן, ליכטיק דורכגעשאַלט,
גערופן ווען׳ אין ערגעץ, ווי אין גאָלדיק־גרינער ווייט —
גייט נאָך נאָך מיר אַן אָפּהילך איצטער, פון מיין יוגנט־וואַלד,
אַן אָפּהילך און אַ בלעטערררויש, ווי פון צעשאָרוועט זייד.

ווייזט אויס, אַז כ׳בין שוין לאַנג פון אים אַרויס, שוין לאַנג אַוועק
פון יעדן פעלד מיט בלאָע קאָרנבלימלעך אויסגעזייט
און, כ׳האַב פון זיי, אַליין אַראָפּגעפירט שוין מיינע טעג,
ווי בינטלעך זאַנגען — אויסצודרעשן זייער מעל, אויף ברויט.

דערפאַר, איז יעדער טאָג מיר איצט אַ שאָד אַזוי און, באַנג —
פון וויסן, אַז דאָס אָפּגיין מיינס, איז: דאָס נישט קומען צריק;
דערפאַר, איז אומעטיק אַזוי, אין פרייד אויך — מיין געזאַנג —
ווי ס׳איז דאָס הפקר־ליד פון זעלנער — גייענדיק אין קריג.

ה

כ׳שיק פֿאַרנאַכט מײַן אײנזאַמקייט אַרויס אויף אַלע װעגן, —
צו טרעפֿן זיך אויף זײ, מיט מײַן פֿאַרגײיענדיקן טאָג
און, מיטשיקן מיט אים אין גאַנג דורך סטעזשקעס און
דורך שטעגן —
דאָס לעצטע ביסל װאַרעמקייט און ליכט, װאָס איך פֿאַרמאָג.

כ׳שיק פֿאַרנאַכט מײַן אײנזאַמקייט, צעװישן בערג און טאָלן —
צו טרעפֿן מיט דער זון זיך, װען זי בלוטיגט אין פֿאַרגײ
און — נידערן מיט איר, פֿון די פֿאַרפֿלאַמטע בערג־קופּאָלן
און, אויסגײן מיט אַ לויבגעזאַנג דער װעלט — צופֿוסנס זײ.

*

איך לעב מיטן איצטער און, כ׳קען נאָר דעם היינט.
דער מאָרגן איז פרעמד מיר און, כ׳וואַרט אים נישט אָפּ,
דער נעכטן איז מיינס אַ פאַרשטאָרבענער פריינט,
וואָס גייט אַ מינוט נישט אַרויס מיר פון קאָפּ...

דער טויט איז אומשטערבלעך — געדענקט זיך די צייט,
וואָס ליגט ווי אַ היימיש בית־עולם ביים פעלד,
און פירט צו אַ זוניקער, גאָלדענער ווייט —
דורך וועגן מיט קאַלטע מצבות צעשטעלט...

*

ס'ברענען וועלדער אין מיין האַרץ,
וועלדער אָנגעצונדענע פון זיך אַליין,
פון פונקען אייגענע, צעוואָרפן העל אין מיר,
אַרויסגעשלאָגן ווי פון האַרטן, שוואַרצן שטיין.

ברענען וועלדער אין מיין האַרץ,
וועלדער אין פאַרפלאָנטערטן געפלעכט
פון יונג־פאַרפלאַנצטעביימער — אַלט און ברייט צעצווייגט
אין מיינע קורצע טעג און לאַנגע, לאַנגע נעכט.

אין געזאָט פון שטאָט

איך בין נישט מיט קיינעם
און כ'בין נישט מיט זיך,
און איך — בין נישט איך —
אין מיראַזש פון דער שטאָט,
ווו ס'לעבן צעהווזשעט איז, ווי אַ מאַשין ;
ווו צייט לויפט אויף פאַסן —
פאַרלייגט אויף אַ ראָד ;
ווו מענטש, אין געשמיי
איז — אַ בלאַט אין געדריי,
און אַ פליג אַ פאַרנאַרטע
אין נעץ ביי דער שפין...

כ'בין נישט מיט קיינעם
און, כ'בין נישט מיט זיך,
און איך, אין געזאָט
פון דער שטאָט —
בין נישט א י ך.

צו די ווינטן

העי, איר ווינטן, ווינטן!
קאָנט איר מיר נישט זאָגן
ווער פון אייך עס האָט מיך, ווי אַ צווייג
אַראָפּגעבראָכן ערגעץ פון אַ בוים,
און אים פאַרטראָגן אין צעשיטן קנויל
געקרייצטע, אויסגעאַנגלאָזע וועגן?

קאָנט איר מיר נישט זאָגן,
ווער פון אייך געווען איז איינגעשפּאַנט
אין יענעם שטורעם,
וואָס האָט ווילד און אָן רחמנות זיך אַריינגעריסן
אין מיין ערשטן פרילינגטאָג
און, אים צעזעגט מיט פייערדיקע בליצן
און, צעקלאַפּט אים און, צעשלאָגן ביזן וואָרצל —
אונטער שווערע דונערקלעפּ...

העי, איר ווינטן, ווינטן!
איידער בלייבן אין סטעפּישער וויסטקייט —
בעסער זיך צונויפמישן מיט זאַמד און שטויב —
געטריבן פון אייערע אָטעמס
און,ווירבלענדיק -- הייבן זיך, הייבן
געפּאָרעמט ווי אַ זייל,
וואָס גרייכט אַ רגע כאָטש
די הייך פון איבער אַלץ.

אין הינטישן עלנט

אַז מען גייט אַרום אַ לעבן מיט אַן עלנט פון אַ הונט
און, מיט אַ האַרץ וואָס בלוטיקט
פון צעריסן־זיין אויף שטיקער —
ווערט מען מיט דער צייט אַ וואַגאַבונד,
אַ שיכור,
און מען לאָזט מיט ווינט אַוועק די טעג,
ווי בלעטלעך אָפּגעריסענע פון לוח;
און מען גייט אויף נעכט פאַרלוירן —
ווייסט דער רוח
ווו, מיט וועמען —
זיך צעטרינקען — צום פאַרטרינקען,
אַז דער רוח זאָל עס נעמען!
און — קאַפּויער־שווימען אין באַגינען —
בלאָ און מאַט, דערשעפּט,
מיט אויסגעלאָשענע און מידע אויגן,
ווי ביי איינעם וועמ' מען האָט אַרויסגעשלעפּט
אין מיטן טרענקען,
און ער קאָן נישט — ווי באַטויבט — דערמאָנען זיך, געדענקען
וואָס און ווען און ווו
און, האָט נישט קיין שום ווילן —
אויסער רו, אַביסל רו.

וואָס?..

וואָס דאַרף אַ מענטש נאָך מערער ווי אַ העמד פון פּראָסטן ליין,
ווי פּראָסט און ווי געזונט עס זענען פּויערישע רייד —
אַז: קוואַלוואַסער איז ריינער און געזונטער אויך פון ווייַן,
אַז: בעסער איז פון לעקעך — שוואַרץ און גוט־געבאַקן ברויט.

איז דאָ נאָך שענערס פון אַנטקעגנגיין מיט ברויט און זאַלץ?
פון אויסשפּרייטן ביי זיך אין צעלט, אַ קאָרבעץ פאַר אַ גאַסט?
צו וואָס דאָס שלעפּן אין דער טיפער בלאָטע ביזן האַלדז —
דעם גאַנצן שווערן האַק און פּאַק פון איבעריקע לאַסט?

די וועלט איז גרויס, און ערד איז דאָ גענוג — פאַר אַלעמען!
צו וואָס, נאָך וואָס דאָס שטופּן זיך? צו וואָס דאָס שטויסעריי?
צו וואָס פאַרכאַפּן יענעמס און, דאָס אייגענע פאַרזען? —
אַז אָנקומען וועט אַלעמען פיר איילן, סיי־ווי־סיי...

אין פּאָרט

שיפן גייען, שיפן קומען,
אַנקערס לאָזן זיך אַראָפּ,
קוימענס פייפן, רעווען, ברומען,
פּאַסאַזשירן שטייגן אָפּ,

ס'לויפן אָן די האַפּנטרעגער,
וויקלען אָפּ פון לענדן שטריק,
ליאַרעמען ווי דזשונגל־נעגער,
לויפן ווילד אַהין און צריק,

שלעפּן לאַסטן, קאַטשען פעסער,
ריזנבאַלעמס און געפּעק —
ווענט פון קאַסטנס ווען גרעסער
און — מיין ענקשאַפט אויפן ברעג.

כ'פיל זיך איינזאַם, ווי געלאָזן
וואָלט מען מיך אויף אַ יאַריד.
כ'בין מקנא די מאַטראָזן —
זייערס איז דאָס פרייסטע ליד.

פון שטאָט אין דאָרף

דערהער איך אין שטאָט אַ קריי פון אַ האָן,
וואָס שיקט ערגעץ איבער אַ קו־קו־רע־קו, —
כאַפּט אָן מיך אַ חשק — פאַרלאָזן די שטאָט,
און אַוועק אין אַ דאָרף־אַריין ווו;

פאַרלאָזן די ענקשאַפּט, דעם רעש פון אַ מאַרקפּלאַץ,
פאַרלאָזן די שטאָטישע, שטיינערנע רייד,
זיך אויסטאָן דאָס שטייפע, געפּרעסטע און אָנטאָן
אַ ווייס, פּשוט העמדל פון לייוונט געניייט;

כ׳וויל פראָסט־זיין און פריי־זיין, און באָרוועס אַרומגיין
צעווישן די נחלות, וואָס זענען צעשטעלט
אויף בערגלעך און טאָלן, צעשיט און צעוואָרפן,
ווי שאָף אין דער גרינקייט אויף לאָנקע און פעלד;

אַריינגיין צו פּוי׳רישע יונגען און מיידן,
צו כאַפּן אַ שמועס פון דאָס און פון יענץ,
אַ זינג־טאָן אינאיינעם אַ ברייטס און אַ פריילעכס,
אַ טאַנץ־טאָן אינאיינעם די דאָרפישע טענץ;

אַ פייף־טאָן אַמאָל ווי אַ יעגער צו טויבן,
אַ שפּיל־טאָן גאַרמאָשקע, ווען אומעט באַפאַלט,
ווען ס׳הערט זיך דאָס מוקען פון קי נאָך דער פּאַשע,
און ס׳טראָגן שוין האָלץ אַ היים, העקער פון וואַלד;

ווי גוט איז צו זיצן ביים פוי׳רישן נאַכטמאָל,
ווען ס׳פּאַרען פון שיסלען קאַרטאָפל מיט קרויט,
און ס׳שמעקט פון די עסער מיט שטאַל און מיט קאָרע,
מיט ערד און געזונטקייט פון ראַזאָוועע ברויט.

דערהער איך אין שטאָט אַ קריי פון אַ האָן,
וואָס שיקט ערגעץ איבער אַ קו־קו־רע־קו —
כאַפּט אָן מיך אַ חשק — פאַרלאָזן די שטאָט,
און אַוועק אין אַ דאָרף־אַריין ווו.

אַזאַ מין גליק

פאַראַן אַזאַ מין גליק, וואָס איז מיר אומבאַקאַנט:
אַ מאַן, אַ פרוי, אַ קינד, אַ שניי־ווייס בעט געבעט,
אַ טישל, שטולן צוויי, אַ ביכערשאַנקביים וואַנט
און וואַרעם, זאַכטע רו, פון זיסער, שטילער זעט.

קיין בעסערס איז נישטאָ, קיין שענערס — נישט פאַראַן
ווי: שטיין ביים וויגל, זען דאָס קינד אַ שמייכל־טון,
ווי: ס'שטראַלט די פרוי פאַר גליק, און ציט צום וויג דעם מאַן,
און אַלץ מיט זיי אין שטוב, איז פול מיט ליכט און זון...

פאַראַן — דערציילט מיין פריינט — אַזאַ מין טייער גליק,
וואָס הייסט: פאַמיליע־גליק: אַ מאַן, אַ פרוי, אַ קינד.
פאַראַן — נאָר כ'הער נישט מער: עס בלאָנדזשעט אום מיין בליק,
און זוכט מיט הינטיש צער — פון גאַס די וואָגלהיינט...

מיין וועלט

טרויעריק

ווי אומעטיק, ווי טרויעריק מיר איז —
אַז גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען !
עס קאָן אַמאָל אַן איינציק וואָרט אַ גוטס —
אַ מענטש דערוואַרעמען
נאָר — כ׳הער עס נישט, דאָס וואָרט
און, מיר איז טרויעריק,
אַז גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען !

מיין וועלט

די וועלט — מיין וועלט, נישט רייך איז, און נישט גרויס,
איז ריינער פון דער וועלט, וואָס — אויסער מיר,
און כ׳היט דערפֿאַר, די ריינקייט פון מיין א י ך —
ווען כ׳קום מיט דרויסנדיקע אין באַריר.

איך טראָג מיין וועלט דער דרויסן־וועלט אַרויס,
ווייל שווער איז, שטענדיק, נאָר מיט זיך צו זיין.
די וועלט — מיין וועלט, נישט רייך איז און, נישט גרויס,
נאָר מיין איז זי, דורכאויס אינגאַנצן מיין.

י אָ ר ן

א

יאָרן, יאָרן, יונגע יאָרן —
עד, ווי ווייט שוין אָפּגעפאָרן!
וויפל וועג — געלאָזט פון הינטן:
וויפל ווינטן —
הייסע,
קאַלטע;
וויפל פרילינגען צעשטראַלטע;
וויפל נעפלען —
ראָזע,
בלאָע;
וויפל שווערע הימלען גראָע;
וויפל וואָלקנס און געוויטער,
וויפל אופבליץ,
וויפל ציטער,
וויפל פיבער פון דערוואַרטן,
וויפל צוזאָגן — געלאָזט מיך
אַ באַליידיקט־אָפּגענאַרטן
פון די פריסטע, יינגסטע יאָרן.

עד, ווי ווייט שוין אָפּגעפאָרן!

ב

דאַכט זיך, נעכטן ערשט — געקלאָגט זיך
אויף מיין לעבן אויף מיין יונג —
ווי אַזוי־זשע האָב איך מיטאַמאָל
געטאָן עס אַזאַ שפרונג,
ווי אַ הירש אַ נאָכגעשאָסענער
אין סאַמער לעבנספרייד —
ווען מען זעט נישט — אַ פאַרבלענדטער
פון דער זון — ווי זי פאַרגייט...

כ׳גלויב נישט, כ׳גלויב אַליין נישט,
אַז כ׳זאָל זיין שוין אויף אַן אמת, אַלט.
ווי אַ הירש פון וואַלד פאַרטריבן —
ציט עס אַלץ מיך נאָך צו וואַלד,
און כ׳בין אַלץ נאָך פול מיט ליבע־ציטער
און מיט ליבע־צער,
און נאָך אַלץ נישט איבער זיך אַליין
דער הערשער און דער האַר...

ג

איך וועל נישט דעריאָגן,
אָהאָ ! — נישט דעריאָגן
מיין וואָגן
מיט גאַרבן פאַרשניטענע יאָרן,
וואָס האָבן ווי זאַנגען פאַרלוירן דעם קאָרן —
פון האָגלען און ווינטן צעשלאָגן.

איך וועל נישט דעריאָגן,
אָהאָ ! — נישט דעריאָגן ! —
דער שטויב האָט גענומען זיך וואָלקנדיק טראָגן
אַנטקעגן מיין פנים,
און כ'זע אויפן זאַמדיקן שליאַך, נאָר סימנים
פון רעדער פאַרקנאָטן,
ווי לייביקע שניטן ;

איצט שטיי איך אינמיטן —
די וועגן — אַ שאָטן,
און כ'קוק ווי מיין צייט ווערט אין מרחק צערונען,
און ס'טראָגט זיך דורך גאָלדענע נעפלען, מיין וואָגן,
וואָס כקאָן נישט דעריאָגן
און, וועל נישט דעריאָגן !

*

מיין קאָפּ איז אין די הימלען הויך פֿאַרטראָגן,
די פּיס אָבער — זיי פּילן גוט די ערד,
זיי פּילן כּוחות ערדישע, וואָס שלאָגן,
ווי כ׳וואָלט דעם דופק פֿון דער וועלט געהערט.

אפֿילו ווען פֿון הימל פֿאַלן שטערן,
וואָס לייכטן מיטן אויפֿבליץ פֿון פֿאַרגיין —
פֿאַרגלייכן דיכטער אויכעט זיי מיט טרערן,
מיט טרערן פֿונעם הימלס נאַכטגעוויין.

*

פון חלום צו וואָר, און אַזוי — אויף צוריק —
אַ לעבן אַ גאַנץ אין אַן ענדלאָז געוויג
אַראָפּ און אַרויף און, צוריק אויף אַראָפּ —
מיט בלענד אין די אויגן; מיט שווינדל אין קאָפּ,
ווי ס'וואָלט מיך אַ הוידע, געטריבן פון ווינט —
געהוידעט אַ גרויסן אַזוי ווי אַ קינד,
אַ קינד, אַ פּאָעט, וואָס אַנטלויפט פון דער וואָר,
וואָס שלעפּט אים פון חלום אַרויס פאַר די האָר...

*

אַלץ וואָס, אַרום מיר און אויסער מיר —
איז אויך אין מיר.
איך בין די אָפּשפּיגלונג פון אַלץ,
וואָס קומט מיט מיר אין אומפּאַרמיידלעכן באַריר.
איך אָטעם מיטן אָטעם פון דער וועלט
פון וועלכער ס'האָט נישט איינמאָל
אָטעם מיר פאַרפעלט —
צו קאָנען אויסלעבן אין איר
דאָס לעבן,
וואָס איז ווייט נישט גוט געווען צו מיר.

*

כ'בין כולו אויער; בלויז געהער —
ווי ס'איז דער האָז אין וואַלד;
דאָס ערשטע וואָס דערגייט צו מיר
איז דאָס, וואָס ברעכט זיך,
דאָס, וואָס רייסט זיך אָפּ און פאַלט,
ווי פון אַ בוים אַראָפּ
און, שלאָגט זיך אָן אָן דר'ערד —
מיט ווייטיק וואָס עס פילט נאָר דער,
וואָס הערט.

און הערן, הער איך (צום באַדויער) —
אַלץ, וואָס קלינגט מיט צער און טרויער,
אַלץ, וואָס לייגט זיך שווער אויף מיין געמיט
און אויף מיין ליד.

אויף דער שיף „פּאַטריאַ". 1937

פּאַטריאַ, פּאַטריאַ! —
ס'לעבן איז נישט אַזוי לייכט ווי עס גייט זיך דיר,
נישט אַזוי ניחא און ליב ווי עס פרייט זיך דאָ;
ס'לעבן איז נישט אַזוי פריי ווי עס דאַכט זיך דאָ,
נישט אַזוי זאָרגלאָז און גוט ווי עס לאַכט זיך דאָ;
ס'לעבן איז נישט ווי דער ים'איקער צויבערפלאַך,
נישט ווי זיין אויבערפלאַך
איבער דער טיף,
און נישט ווי אין ערשטן און צווייטן קלאַס — אויבן,
נאָר מער אין די אונטערשטע קלאַסן פון שיף;
נאָר אונטן, נאָר אונטן, צוקאָפּנס דעם קעסל
ווו ס'אָטעמט די אָרעמקייט שווער און געדיכט —
פּאָרט מיט, מיט די הינטישע לעבנס, דער אמת
און, איך — דער פּאָעט פאַר דעם אונטערשטן שיכט.

אויף דער שיף „קדמה". 1950

א

האָט די שיף געריירט פון ברעג —
זענען מעוועס נאָך איר, נאָך —
פליען זיי אַזוי שוין טעג —
מיט געפלאַטער און געפאָך,
ווי זיי וואָלטן אונדז באַגלייט,
אונדז און — אפשר מיך נאָר, מיך,
וואָס כ'בין שטענדיק, שטענדיק גרייט
אַלץ צו לאָזן הינטער זיך
און אַוועק — ווייל סיי־ווי־סיי
פעלט מיר דאָס, וואָס קניפּט און בינדט
און כ'בין פריי, אומהיימלעך פריי,
ווי דער ים, און ווי דער ווינט.

ב

שלינג נישט, שלינג נישט שיף, אַזוי די מיילן,
זאָל דער ים נישט גאַווערן, נישט שוימען,
ס'איז נישטאָ זיך וואָס מיט מיר צו איילן,
כ'האָב סיי־ווי נישט גאָרנישט צום פאַרזוימען.

כ'ווייס שוין וואָס און ווער ס'איז מיין דערוואַרטער —
בין איך נישט פון אומגעדולד געצונדן;
ס'פאָרט מיט מיר דער גורל מיין, דער האַרטער,
וואָס ער לערנט קאָנען איבערווונדן, —

איז נישטאָ זיך וואָס מיט מיר צו איילן,
און מיט מיר — זיך אין דער ווייטקייט שניידן.
שלינג נישט, שלינג נישט שיף, אַזוי די מיילן —
אויף צו ברענגען מיך צו נייע ליידן.

אויף דער שיף „סעזאַרעי‟. 1962

א

ווידער גיב איך דיר זיך איבער,
ווידער ליג איך אין דיין שויס.
— פיר מיך, פיר מיך ים אַריבער,
לאָז דיין כעס צו מיר נישט אויס!

ס'האָט געגוג, גענוג געוואַקלט
אונטער מיר די האַרטע ערד;
זיי זשע דו נישט מיין סך־הכל —
אויב ס'האָט לעבן נאָך אַ ווערט.

כ'קען דיך ים, איך קען דיין גבורה,
וואָס איז פּעאיק — גאָט באַהיט!
כ'האָב נאָך ווייט די לעצטע שורה
נישט פאַרשריבן אין מיין ליד,

וואָס דאָס שטאַרקסטע — גיט זיך איבער
ווי אַ קינד דיר, אין דיין שויס.
— פיר מיך פיר מיך ים אַריבער,
לאָז דיין כעס צו מיר נישט אויס!

ב

יעדע שיף אויפן ים, דאַכט זיך, בלאָנדזשעט,
געפינט נישט דעם וועג,
איז נישט זיכער, נאָר — גיי, גיב ביי שומיקע
כוואַליעס אַ פרעג!..

טאַפּט די שיף אינדערבלינד, מיט געוואַקל
אויף רעכטס און אויף לינקס —
זעט זי אויס פונדערווייט ווי אַ שוואַן,
און אַמאָל — ווי אַ ספינקס.

און אַמאָל גייט אַ שיף
מיט אַ קאַלט־מאַיעסטעטישן גאַנג,
ווי אַן אייזבאַרג, פון דאָרט
וווּ די נעכט זענען מוראדיק לאַנג.

און אַ שיף אינדערנאַכט, ווען זי סאַפּעט
און כראָפּעט פון שלאָף —
איז זי קלענער ווי ז'איז,
ווי פאַרלוירן־צו־גיין אין אין־סוף.

ג

וויג מיך, וויג מיך ים אַ ביסל צו.
זאָל זיך דאַכטן מיר אַז כ'בין אַ קינד,
אַז די מאַמע מיינע, דאָס ביסטו
וועמענס שויס עס וויגט מיך צו אַצינד.

פול מיט בלוט, מיט טרערן, גאַל און סם —
וויגט געננוג זיך אונטער מיר די ערד;
וויג־זשע, וויג, פאַרוויג מיך גרויסער ים —
מיט דער רו וואָס מיר איז איצט באַשערט.

באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ

א

נישט גוט איז דעם, וואָס איז צו טיף פאַרגאַנגען
און דעם קאָפּ אויף שווינדלטרעפּ פאַרדרייט —
צו זיין שוין אייביק אינדערטיף געפאַנגען
ביי דעם סוד פון לעבן און פון טויט.

ס'איז באַרג־אַרויף־גיין שווערער, אָבער — בעסער —
(כאָטש צום הימל ציט אויך דאַמף און רויך),
נאָר אויבן פילט אַ מענטש זיך שטאַרקער, גרעסער.
ס'איז די נעסט פון אָדלער — אינדערהויך.

ג

באַרג־אַרויף איז שווער, נאָר ס'האָט די שווערקייט, פליגל —
טראָגן זיי און האַלטן מיט עקשנות אונטער.
באַרג־אַראָפּ איז לייכט, נאָר ס'פעלט דער לייכטקייט, אָפּהאַלט —
נישט צו פאַלן ווי אַ שטיין — תהום אַרונטער.

אויבן — אויבן ליגט „דאָס טעלערל פון הימל" —
ציט עס יונג און אַלט אַרויף, — דערגרייכן!
אונטן — אונטן ליגט דער יאָמערטאָל — פאַר אַלע
די, וואָס לאָזן זיך אַראָפּ שוין פון די הייכן...

ווען הינט...

ווי ס'זוכט אַ הונט זיך אויס אַ באַלעבאָס —
געפינט אַ מאָל אַ מענטש זיך אויס אַ הונט
און, שליסט מיט אים, אין גרויסער איינזאַמקייט —
אַ וואַרעמען, אַ שטומען פריינטשאַפטבונד.

איז נאָענט מיר אַ מענטש אַזאַ, וואָס האָט
אַ הונט זיך פאַר אַ חבר אויסגעוויילט
און, טיילט מיט אים, אויף שטום־לשון, אַזוינס,
וואָס מיט אַ מענטש וואָלט ער זיך נישט געטיילט...

פאַראַט איז נישט די טבע פון קיין הונט —
(דער טרייסטער און דער פילבאַרסטער בעל־חי).
ווי פאַר אַ מענטש אַ שווער באַעוולטן —
אַזוי־אָ גיי איך פאַר אַ הונט פאַרביי.

דער קערן...

דער קערן פונעם ווונדערלעכן זין
פון לעבן — ליגט אין שאָלעכץ פונעם מ י ן:

דער יונג אין פעלד — ער זוכט די מויד אין סטויג.
דער הונט גייט אויס פון דאָרשטן נאָך דער צויג.

דער הימל, ער באַהעפט זיך מיט דער ערד.
די נאַכט פאַלט צו צום טאָג, און אויך פאַרקערט.

אַ שטערן פאַלט און זוכט מיט ליכט די ז י
און לעשט זיך ערגעץ אויס אין סאַמע גלי.

אַ שטיין אפילו, לייגט מען אויף אַ שטיין.
נישטאָ דער מ י ן וואָס בלייבט מיט זיך אַליין.

געזאַנג

אַ קערנדל געפיל,
אַ קערנדל געדאַנק
און — ווונדער איבער ווונדער —
ווי ס'גייט־אויף דערפון געזאַנג;
געזאַנג צו ליכט פון טאָג,
געזאַנג צו ליכט פון נאַכט;
געזאַנג צום לעבן
און צו אַלץ, וואָס צינדט זיך אָן, דערוואַכט;
געזאַנג צו מי,
צו וווקס און בלי,
צו פאַרב און קלאַנג;
געזאַנג לשם געזאַנג,
ווי ס'זינגט דער פויגל — מאַי, —
ווי לאַנג מען ברעכט די פליגל אים נישט אונטער
און מען רויבט ביי אים נישט צו די פריי...

נאָענט

א

נאָענט צו ערד —
איז מען נאָענט צו קומען מיט אַלץ אין באַריר.
נאָענט צו ערד —
איז מען נאָענט צו קוואַלן וואָס שלאָגן אין איר.
נאָענט צו ערד —
איז מען נאָענט צו בראשית און, סוד — ווערט אויס סוד.
נאָענט צו ערד —
איז מען נאָענט צו הימל און נאָענט צו גאָט.

ב

ווער ס'איז נאָענט מיט דער ערד —
טראָגט דעם הימל אויפן קאָפּ
און איז פול מיט דאַנק און ליב,
ווייל ס'איז טייער אים גאָטס גאָב —
מעג ער זיין בצימצום, קליין,
ווי פון ערד וואָס האַרט איז, דאַר —
גלייבט ער, אַז זיין שווייס פון מי
וועט אים אָפּצאָלן דערפאַר.

ווער ס'איז נאָענט מיט דער ערד —
קען די פרייד פון וווקס און בלי,
און די שפּראַד פון שאָף און רינד,
וואָס מען פירט אַרויס פאַרפרי
אויף אַ גרין צעוואַלגערט פעלד,
וואָס איז ווייט און פרעמד דער שטאָט
וווּ קיין הימל איז נישטאָ
און, במילא, נישט קיין גאָט...

פּאַראַדאָקסאַל

א

אי איך, אי דו, אי אַלע זענען מיר גערעכט.
עס קלאָגט זיך אויך דער עושר, אַז עס איז אים שלעכט.
ס'האָט קיינער נישט געזאָגט נאָך : כ'האָב גענוג.
די דורשטיקייט צעברענט מען מיטן ערשטן שלוק,
און מיטן עסן, זאָגט מען — קומט דער אַפּעטיט.
אַזוי־אָ חזרט זיך עס איבער, ס'זעלבע ליד :
אי איך, אי דו, אי אַלע זענען מיר גערעכט.
דעם מענטש וועט זיין אין אַלע צייטן, שלעכט.

ב

מען קאָן אַ בעטלער זיין אין פראַק און אין צילינדער.
מען קאָן מיט ליכטיק־ריינע אויגן, זיין אַ בלינדער.
נישט יעדער וועם׳ מען הערט נישט רעדן, אין אַ שטומער.
מען קאָן מיט אַ פיגור אַ גלייכער, זיין אַ קרומער.
מען קאָן מיט אויערן מיט גרויסע, זיין אַ טויבער
און, מיט אַ פנים פון אַ כריסטוס — זיין אַ רויבער.
ווער ס׳גייט שוין אויפן קאָפּ, קאָן אויפן קאָפּ אויך, הינקען
און, אין די פיינסטע, שמעקנדיקסטע זאַלבן — שטינקען.

ג

אַלע האָבן אויערן,
נאָר נישט אַלע הערן,
און נישט אַלע ווילן הערן,
וואָס זיי הערן טויבערהייט...

אַלע האָבן אויגן,
נאָר נישט אַלע זעען,
און נישט אַלע ווילן זעען,
וואָס זיי זעען בלינדערהייט...

יעדער האָט אַ האַרץ,
נאָר נישט אַלע זענען האַרציק,
און נישט אַלע הערצער פילן,
וואָס עס פילט אַ האַרץ...

ווערטער

ווערטער, ווערטער, ווי אַ וואַלד
און — כ׳געפין דאָס וואָרט מיינס, שווער,
און אַ שטומקייט מיך באַפאַלט —
ווען ס׳קומט אויס מיר רעדן מער.

ווערטער, ווערטער, גאַנצע בינד.
ווערטער דאַרפן פערל זיין, —
זענען זיי די פרוכט פון ווינט,
וואָס די פלויטן לייגט ער איין.

ווערטער, ווערטער, ס׳אַראַ שפיל!
ווערטער־מיל און ווערטער־וואַלד;
נאָכן טויט פון וואָרט ג ע פ י ל —
לאָזט דאָס שטאַרקסטע וואָרט מיך קאַלט.

אין ווערטער־וואַלד

אַ ווערטער־וואַלד — אויף צום פאַרלוירנגיין!
און — ס׳גייט אַ מאָל אַ מענטש אין אים אַרום,
ווי מיט אַן אָפּגענומען לשון, שטום,
און זוכט אין אים אַן איינציג וואָרט,
אַ וואָרט אַ נייטיק און אַ ריכטיק,
אַזאַ וואָס וועקט, צינדט אָן, מאַכט ליכטיק,
עפנט אויגן, האַרץ און רעיון,
איז דאָס וואָרט דאָס וואַרעמע, פון טרייסט,
וואָס קאָן פון טרויער און פון צער באַפרייען,
און אַ מאָל — אַזאַ מין כישוף־וואָרט,
וואָס האַלט אַ מענטשן אָפּ
פון זעלבסטמאָרד אָדער מאָרד...

אַ ווערטער־וואַלד — אויף צום פאַרלוירנגיין!
און — ס׳פעלט אין אים נישט איין מאָל אויס אַ וואָרט...

ר י י ד

ווי גרויס עס איז דער ים פון רייד ! —
דערטרונקען־צו־ווערן !
רייד, ווי מויל־מאָלעכץ
פון ניס־שאָלעכץ,
וואָס האָבן נישט קיין קערן.

האָט די פוסטקייט דווקא ליב זיך לאָזן הערן,
אָנמאַכן אַ רעש פון שאָלעכץ הוילע,
און צו קלינגען ווי מטבעות
אין אַ פוסטער כלי.

דאָס פֿאַרלוירענע וואָרט

ס'איז מיר פֿאַרלוירן־געגאַנגען מיין איידלשטיין:
ס'נויטיקע, ריכטיקע וואָרט פֿאַר מיין ליד.
איך האָב עס פֿאַרלוירן אין ווערטער־יאַריד
ווו פּאָעטן פֿאַרקויפֿן פּאָעזיע אויף הורט,
אויפֿן פֿוד;
פּאָעזיע פֿון אַרבעט און שווייס —
און אַ האַרץ־טראָפּן בלוט...

איצט — גיי און געפֿין אויף צוריק
דאָס פֿאַרלוירענע וואָרט
אויף אַ ווערטער־יאַריד —
ווו עס קיניגט דער מלך אין קאָרט...

פרעש

וואָס זומפּיקער, וואָס טיפער ס׳איז די בלאָטע —
אַלץ העכער איז דאָס גראַגעריי פון פרעש,
וואָס קוואַקען ביז חלשות פון נודאָטע
און האַלטן פאַר געזאַנג עס, פאַר אַ יש.

און פרעש וואָס שפּיגלען זיך אין בלאָטע־שפּיגלען —
געפינען אויך פאַר זייער זינגען, לויב —
פון ,,זאַד־קענער״ וואָס ווילן זיי באַפליגלען
מיט פליגל וועלכע הייבן אויף נאָר שטויב...

טויבע זינגער

פאַראַנען זינגער, וועלכע הערן זיך אַליין נישט,
הערן נישט דאָס אייגענע געזאַנג;
זיי זענען טויב
און — פאַלש אין זייער יעדן טאָן,
אין זייער יעדן קלאַנג.
נאָר אויך אַזעלכע זינגער
זענען זוכה צו באַוווּנדערונג און לויב.
אַ ראיה:
בעטהאָווען איז אויך געווען טויב...

צום דיכטער

הערסטו, דיכטער, קראָען קראַקען,
הערסטו פרעש אין זומפּן קוואַקען —
זינג נישט, שווייג געדולדיק איבער,
ס׳קראַקען, ס׳קוואַקען זאָל אַריבער —
זאָל אויף טויט פֿאַרשוויגן־ווערן —
אַנדערש וועט מען דיך נישט הערן —
אין אַ צייט פֿאַר פרעש און קראָען —
ווען עס לעשן זיך די ליכטער
אין די הימלען פונעם דיכטער.

ליכט און שאָטן

צווישן טויט און לעבן

דעם אייבקן אָנדענק
נאָך פּסח סאַפּאָזשניקאָוון

א

אַ קראַנקן אין שפּיטאָל איז אויך די זומערנאַכט צו לאַנג —
ווען ס'קראַנקנבעט איז אים אַ שיף אין וואַקלדיקן גאַנג —
געטראָגן און געשלאָגן פונעם כוואַליקן געברויז,
וואָס שליידערט זי און לאָזט זי פון געווירבל נישט אַרויס.

אַ קראַנקער אין שפּיטאָל, אַזאַ וואָס ליגט אין ווונד און וויי
אַ שלאָפלאָזער—קוקט אויס ביינאַכט דאָס ליכט פון טאָג—אַזוי
ווי ס'קוקט אַ ים־קראַנקער אין שטורעם, זיינע אויגן אויס —
צו זען ווי ס'שיילט פון ווייט אַ ברעג, פון נעפּל זיך אַרויס.

ב

אין שפּיטאָל פּאַראַנען איז אַ פּרויען־קליניק אויף געבערן
און : אַ קילשטוב ווו מען זעט געשטאָרבענע אַרונטערטראָגן.
טרעפט, אַז ווען פון קליניק לאָזט אַ ניי־געבוירן קינד זיך הערן —
הערט מען אונטן, אין שפּיטאָלהויף ערגעץ, עמעצן באַקלאָגן...

אָט אַזוי־אָ, פאַלן אָפּטמאָל אויפן האַלדז זיך, פרייד מיט טרויער.
טרעפט, אַז ווען אַ מאַמע טראָגט מיט גליק אַהיים דאָס
לעבן, ס'נייע,
עפנט דער שפּיטאָלהויף, צו אַ הינטערגאַס, אַ הינטערטויער,
און ער לאָזט אַרויס, אויף נישט באַמערקט־צו־ווערן — אַ לויה.

ג

אַלע קראַנקע (אויך די זקנים),
זענען אין שפּיטאָלבעט — קינדער.
רופן: מאַמע! רופן: טאַטע!
אין אַ טויבער נאַכט אַ בלינדער —
ווען עס וועקט זיי אויף דער ווייטיק,
וואָס איז דאַכט זיך זיי — דער גרעסטער
און, זיי לאָזן נישט צו רו
אין נאַכטדיזשור — דער קראַנקנשוועסטער.

ליג איך אין שפּיטאָל — אַ „קינד" אַ קראַנקס,
צעווישן קראַנקע קינדער,
וועלכע דאַרפן שטענדיק הילף —
צו מאַכן לייכטער זיי און לינדער,
נאָר איך רוף נישט
און איך וועק נישט אויף די מידע קראַנקנשוועסטער —
לויבט זי מיך און זאָגט מיר,
אַז איך בין ביי איר דאָס קינד דאָס בעסטע...

וועמען רופן? — אַז איך ווייס נישט
ווער ס'איז נאָענט מיר און אייגן;
אַז אַליין בין איך געקומען
אונטער מעסער־שאַרף זיך לייגן, —
ברענען רויט ביי מיר די אויגן —
פון נישט שלאָפן אָנגעצונדן,
און איך ליג אַן איינגעדרייטער,
שטיל און אין „געהאַקטע ווונדן".

באַלאַדע וועגן אַ דערטרונקענעם

ווען דער טאָג איז אַ צעפּלאַמטער,
ווי אַן אויסגעבאָדענער פון ים אַוועק —
געבליבן ליגן איז אין אָוונט־בלאָ,
אַן איינזאַם פּעקל קליידער נעבן ברעג...

אַז נאַכט האָט שוין געהאַט דעם ים אַרומגענומען,
כוואַליעס שוואַרצע — אים צופּיסנס זיך געצויגן —
האָט עמעץ מיטן קאָפּ געדרייט אויף אַלע זייטן,
ווי גערופן וועמען מיט די אויגן —
איז אין חושך אויסגעוואַקסן אַ געזעמל
סילועטן אָנגעבויגן:

האָט מען שוועבעלעך געריבן
און די פינצטערניש געצונדן;
האָט מען ס'פּעקל בגדים אויף דער ערד צעבונדן
און געזוכט, גענישטערט: ווער און וואָס?
און נישט דערגאַנגען — זיך צעגאַנגען,
ווי נאָך קבורה און — אַוועק —
געלאָזט דער נאַכט, דאָס פּעקל בגדים
ביי דעם שוואַרצן ברעג.

קאָנצערט

שוואַרצע פּרעק מיט ווייסע וועסטן,
ווי פּינגווינען אויסגעזעצטע:
באַסן, טשעלאָס, פידלען — פּאָרנט,
פויקער, צימבלער — סאַמע לעצטע.

יום־טובדיקייט, פייערלעכקייט,
ליכט פון זאַל און פון דער בינע
ווי עס גלאַנצט און בליצט און בליאַסקעט
אין די הענט, די כלי־נגינה.

דלאָניעס האַלדזן פידל־העלדזער,
האַלדזן אויך די וויאָלאָנטשעלן.
בויגנס קיצלען אין די סטרונעס —
קוויטשען זיי פאַר תענוג, קוועלן.

ליפּן קושן די קלאַרנעטן,
די טרומייטן און טראָמבאָנען —
ווילן זיי זיך איבערשרייען
און באַווייזן וואָס זיי קאָנען.

ווי פון פייגל אין אַ „זאָאָ" —
הילכט און שאַלט די דיסהאַרמאָניע:
דאָס־אָ סטראָיעט מען די „כלים"
און מען הערט אַ קאַקאַפאָניע.

צוויי אַלטע סאָסנעס

זענען זיך צוויי אַלטע סאָסנעס צוגעפֿאַלן מיט די קעפּ,
און שיטער — זיך אַריינגעפֿאַלן אין די אָרעמס. —
שטייען זיי אַזוי־אָ, ווי צונויפֿגעוואַקסענע
און קלאָגן איינע אין דער אַנדערער אַריין
ס׳געקלאָג פֿון אַלטקייט :
— טייערע, נישטאָ קיין כוח מער
אויף אייגענעם באַראָט צו שטיין,
איז, לאָמיר אונטערהאַלטן איינס דאָס צווייטע —
פֿאַלנדיק צו לאַסט שוין זיך אַליין...

אונטער אַ בוים

קעמפּ „בויבעריק״, ניו־יאָרק 1968

אַז אַ מענטש האָט שאָטן־זייטן —
וויל מען זיין מיט אים פונווייטן...
און אַ בוים, אַז ר׳איז געראָטן —
איז עס נאָר פאַר האָבן שאָטן...
וואָס מער שאָטן — מערער ציט זיין
אַלט־צעוואַקסנקייט, צעבליט־זיין,
וואָס פאַרבעט דיך, זיך צו זעצן
אונטער זיינע גרינע נעצן,
וועלכע האָבן אויגן בלאָע;
זיצסטו און דו האָסט הנאה —
אי, וואָס זי, די זון, באַשטראַלט דיך,
אי, וואָס ער, דער בוים, באַהאַלט דיך,
גיט דיר אָפּרו, גיט דיר שטילקייט,
גיט דיר טרינקען פון דער קילקייט,
גיט דיר זיכערקייט פון שמירה
און אפילו פייגל־שירה —
ממש — אדם אין גן־עדן!
נאָר — ס׳איז אומעטיק אונדזביידן:
מיר — דעם גרויסן בעל־אהבה
און, דער איינזאַמקייט — מיין חוה...

ווינטער־לאַנדשאַפטן

זילבער־גראָלעך, בלאָלעך־ווייסער פאָן פון שניי.
ווי אויף לייוונטן קראָכמאַליעטע מיט אייז —
אין אַ גיך קאַליידאָסקאָפּישן געדריי —
אַ גאַלעריע צייכענונגען : שוואַרץ אויף ווייס.

אָט, אַ שטעטעלע וואָס טוליעט זיך פון קעלט
און זעט אויס ווי קיינער וואָלט עס נישט באַוווינט ;
טיר און טויער, לאָדן, פענצטער — צוגעמאַכט —
קוקן, דאַכט זיך, אויף אַ דורכגייער, דערשטוינט.

אָט, אַ דאָרף : די דעכלעך טיף אַראָפּגערוקט
שקאָציש־ווילעריש און שוואַרץ, נאָר ווייס־פאַרשנייט ;
אָט, אַ קו וואָס האָט בהמיש זיך פאַרקוקט
אין דער פּראָסטיק־בלענדיקער פאַרטייעטקייט.

אָט, אַ ברונעם מיט אַן עמער אויף אַ שטריק,
און דער עמער גליווערט אויף אַ לאַנגן האַלדז,
וואָס איז אויסגעצויגן ווי ביי אַ זשיראַף
און, ער קוקט אַזוי אַריבער איבער אַלץ.

אָט, אַ טייכל — ליגט עס שטאַר, פאַרגלייזט און טויט —
צווישן פעלדער, וועלכע ציען ווייס אַוועק, —
איז אַ מענטש אויף זיי : אַ שוואַרצער פונקט, וואָס גייט
אָדער קומט ווי פון אַ ווייטן, ווייסן העק.

אָט — אַ בוים, אָט — צווײַ, אַ וועלדל, אָט — אַ וואַלד —
ווי מיט בלײַ און קויל געצייכנט לויט אַ פּלאַן:
די גאַלעריע ווינטער־לאַנדשאַפטן וואָס כ'זע
דורכן פענצטער פון דער לויפנדיקער באַן.

בעטלער

צוויי בלינדע

מיט נאָענטע ענלעכקייט, ווי פון איין מאַמען —
שטייען צוויי בלינדע, וואָס בעטלען צוזאַמען,
ווי ס'וואָלט זיי אין גאַס ביי אַ וואַנט פון אַ הויז:
אַוועקגעשטעלט ווער,
אין געדראַנג און געשטויס
און — אַוועק.

און ווי זיי שטייען ביידע אָט אַזוי
אַנטקעגן טאָג — פאַרזונקענע אין נאַכט —
נעמט איינער פלוצעם שמייכלען ווי פון שלאָף
און, ס'בלינדע פנים לייטערט זיך, דערוואַכט
און, פאַלט צום אויער פונעם צווייטן צו;
דער צווייטער הערט, נאָר — שטייפלעך, ווי פאַרטראַכט.
ער הערט און — אָט צעשמייכלט ער זיך אויך
און, מיטאַמאָל — צעלאַכט ער זיך, און לאַכט,
און ס'לאַכן ביידע בלינדע שוין —
ווי שטיפערישע, זאָרגלאָזע צוויי קינדער.

כ'ווייס נישט, וואָס עס האָט אַזוינס געזאָגט,
וואָס האָט אַזוינס געזען דער ערשטער בלינדער...

איינער מיט אַ מאַנדאָלינע

אויפן טראָטואַר זיך אויסגעצויגן,
אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָן וואַנט פון מויער —
האָט די אָרעמקייט פאַרמאַכט די אויגן
און זי רוט און, ס'רוט מיט איר דער טרויער.

נאָך אַ טאָג פון זינגען בעטל־לידער,
וואָס באַגלייט זיי, האָט זיין מאַנדאָלינע —
דרעמלט ער, און ס'דרעמלט אויך אַ מידע,
אויף דער שויס ביי אים — זיין כלי־נגינה ;

נישט אַרויסגעלאָזט זי פון דער דלאָניע —
האַלדזט ער זי מיט שלאָפנדיקע פינגער,
און די נאָגנדיקע מאָנאָטאָניע
שלאָפט דערווייל, צוזאַמען מיט איר זינגער.

איינער מיט אַן אַקאָרדיאָן

צוגעפאַלן צו זיין האַרץ — דער אַקאָרדיאָן,
און צוגעוויגט צום אַקאָרדיאָן — זיין אויער,
ווי ער וואָלט אַליין זיך איינגעהאָרכט
אין אייגענעם, אין נאָגנדיקן טרויער —
שפּילט ער אין דער טומלענדיקער גאַס אַריין
און ציט זיין כלי־נגינה אויס און איין
און, לאָזט פון איר אַרויס געוואָי פון ווינט,
און אַ סקאַווּטשען ווי פון בלינדע הינט.

נאָר די גאַס, זי האָט קיין אוירן נישט,
און אין רעש אין אייגענעם פאַרטראָגן —
הערט זי נישט ווי איינער הערט נישט אויף
די שווערע דאָליע זיינע צו באַקלאָגן —
אויפן אַקאָרדיאָן, וואָס ציט זיך אויס און איין
און, וויינט אַזוי אין טויבער גאַס אַריין,
און לאָזט פון זיך דעם לעצטן שלוכץ אַרויס —
ווען ס׳גייט אין דעמערונג, דער טאָג דער לאַנגער אויס.

אַ בעטלערין מיט נישט איר קינד

מען זאָגט אַז ס׳איז נישט אירס, דאָס קינד וואָס ליגט ביי
איר אין שויס
און קוקט אַ דאַרס, אַ קוואַרס, ווי פון אַ שמאַטע־באַרג אַרויס
מיט אייגעלעך, ווי ביי אַ חיהלע: צעשראָקן, וואַך;
דאָס קינד געהערט צו איינער וואָס געקינדלט האָט אַ סך,
און איז אַליין אַ בעטלערין וואָס גייט פון הויז צו הויז, —
באָרגט זי זיי צו קינדערלאָזע בעטלערינס אַרויס,
און נעמט פאַר זיי אַ חלק פונעם בעטלגעלט, ביי די,
וואָס האַלטן זיי אין גאַס ביי זיך אין שויסן און אויף קני
און, זעען אַז זיי זאָלן וויינען אַ געוויין וואָס דינט
אַרויסצורופן מיטלייד צו דער „מאַמען" פון „איר" קינד.

בעטלער טיילן זיך

גאָלדענער, מילדער פֿאַרנאַכט.
צוויי בעטלער וואָס „גייען" צוזאַמען —
טיילן זיך איין מיטן שותּפֿות —
מיט דעם וואָס זיי האָבן „געמאַכט" :
שטייען זיי ביידע אין גאַס
ביי אַ זייטיקער וואַנט
און, ציילן זיך איינער דעם צווייטן
די פּרוטות אַריין אין דער האַנט :
אַ פּרוטה דיר,
אַ פּרוטה מיר
און — ס'רעדן די הענט,
און די אויגן די פֿיר,
און די שאָטנס די צוויי —
אויף דער ליכטיקער וואַנט
פֿונעם מילדן פֿאַרנאַכט.

און די זון טיילט זיי לעצטגאָלד —
צו דעם וואָס זיי האָבן „געמאַכט".

אַ בעטלער גיט אַ נדבה

אַ בעטלער גיט אַ בעטלער אַ נדבה.
גיט אַ פּרוטה, נאָר — ביד רחבה:
זאָלן די, וואָס גיבן נישט, זיך שעמען
פֿאַר אַ בעטלער, וואָס געוווינט איז, נאָר צו נעמען.

גיט דער בעטלער אַ נדבה —
(אפשר, ס'ערשטע מאָל אין לעבן!) —
אויף צו פֿילן וואָס עס מיינט
אַן אויסגעשטרעקטע האַנט צום געבן;
אָדער, אפשר האָט ער ווי אַריינגעכאַפּט אַ פּעטן ביסן —
וויל ער, אַז אַן אייגענער, אַ בעטלער, זאָל דערפֿון געניסן;
אָדער — מיינט ער פּראָסט און פּשוט,
נאָר אַ מצווה צו פֿאַרדינען?
ווער קאָן וויסן וואָס אַן אָרעמאַן פֿאַרמאָגט?
אויף וואָס אַ קבצן קאָן זיך אַלץ פֿאַרגינען!..

טרויער פון אַ בלינדן בעטלערס הונט

שוין טעג ווי אין גאַס, ביי דער וואַנט פון אַ מויער,
ליגט ווי אַ שמאַטע — אַ וואָלף־הונט אין טרויער.

געשטאָרבן אים דער באַלעבאָס, דער בלינדער בעטלער
וועמען ער האָט יאָרן לאַנג געדינט :
געפירט אים, ווי מען פירט אַן אומבאַהאָלפן קינד ;
אַרויסגעפירט אים בעטלען, איינדערפרי,
אין אָוונט אים צוריק אַהיימגעפירט, —
האָט איינער זיך אָן צווייטן נישט גערירט,
וויביידן וואָלט דער לעדענער געשפּאַן געבונדן
און, ביים הונט — געריבן טיפע ווונדן. —

קומט ער איצטער יעדן טאָג צו גיין אַליין
און לייגט זיך אַוועק ווו דער בלינדער פלעגט שטיין
און — ליגט אַזוי יאושדיק איינגעדרייט —
האַרט ביי דער וואַנט פון דער מויער :
אַ וועלפישער הונט, אין אַ מענטשלעכן טרויער.

מיין מוזע וויל אַ גט

מיין ווייב — די מוזע מיינע — וויל פון מיר אַ גט.
— גענוג, זאָגט זי, געלעבט מיט אַ פּאָעט,
און אָפּגעפינצטערט מיינע יאָרן
אין אַ וויסטער נויט ;
— גענוג מיר, לידער אָנשטאָט ברויט,
און אָנשטאָט שיך, אַ קלייד —
פּאָעמעס.

הער איך אויס מיין ווייבס גערעכטע טענות,
ווי עס הערט זיי אַ פאַרשולדיקט קינד
און, כ'טראַכט : וואָס טו איך טאַקע
ווען זי נעמט און ווערט אַ האָז אין ווינט —
אַנטלויפט צוזאַמען מיט די קינדער :
מיינע לידער און פּאָעמעס,
און זי לאָזט מיך מיט די ווענט די נאַקעטע,
און מיט דער נאַקעטקייט
פון מיינע טויטע נישט־באַלעבטע טעמעס ? ! ..

דערווידערונג

מיין ווייב, דער מוזע מיינער —
אָנגעהויבן האָט דערווידערן
מיין לידערן.

— ווי לאַנג נאָך וועסטו, לעכטיקער
אַרומגיין ווי אַ נעכטיקער,
מיט נעפּלען אין די אויגן,
און קיין אָרט זיך נישט געפינען,
ווי אַ קוואָקע פאַרן לייגן...

— ווי לאַנג נאָך וועסטו פערזעווען
און זוכן גראַמען,
ציילן זילבן
און — פון אַלץ צוזאַמען —
האָבן וואַסער נאָר אויף קאַשע,
אַדער, וויפל ס'האָט אַ שעפּס אין פעלד, —
נאָך דעם ווי ס'האָט אַ היץ פאַרברענט די פאַשע.

— ווי לאַנג נאָך וועסטו זיצן מיט דער פען
און דומען, דומען, מוחן אַזוי,
און אָפט — צו גאָרנישט זיך דערטראַכטן,
אויסזיצן אַן אויסגעבלאָזן איי...

אַזעלכע טענות האָט צו מיר מיין ווייב, די מוזע —
פאַר מיין לידערן,
וואָס האָט איר אָנגעהויבן שוין דערווידערן.

*

אפילו פייגל זינגען אויך נישט פליענדיק —
(זיי מוזן, זינגענדיק — אויף עפּעס שטיין...),
און דאָרט ווו פייגל בויען זיך קיין נעסטן נישט —
וועט זיך אַ זינגפויגל אין זינגען נישט פאַרגיין.

אַ דיכטער וועט נישט לידערן אין וויסטעניש,
ווו ס׳האָט קיין אַקער נישט פאַרזוכט די ערד.
געזאַנג לשם געזאַנג און אין התבודדות —
איז גוט צו זינגען — ווען מען ווייסט אַז עמעץ הערט...

א דיכטער — אַ זינגער

אַ דיכטער איז אַ זינגער — דאַרף ער זינגען,
זינגען ווי דער פויגל — מאַי,
נאָר ס׳וועט דער שענסטער זינגפויגל — פאַרשפאַרט —
נישט זינגען, ווי אים זינגט זיך אויפדערפריי.

געזאַנג דאַרף רוים,
דאַרף לופט וואָס ריין איז, פריש,
און ס׳דאַרף אַ דיכטער, ווען ער „גייט צו ליד" —
אַן אָפן פענצטער און אַ ריינעם טיש,
אַ ריינע פען, אַ ריינעם טינט,
נאָר ריינער דאַרפן זיין ביי אים די הענט, —
ווי בעתן אָפנעמען אַ ניי־געבוירן קינד.

צו די וואָס ווילן שוינס...

כ׳בין דער זינגער פונעם דור דעם היינטיקן,
און נאָר פון די, וואָס ווילן היינטיקס, שוינס,
נישט אָפּצולייגן עס אויף שפּעטער —
זינג איך — ווען די לידער מיינע
זאָלן מאָרגן זיין שוין געלע בלעטער —
פונעם ווינט — ווי שטויב מיט שטויב געטראָגן, —
אַרט מיך נישט ! —
אויב כ׳האָב נאָך היינט מיט זיי
אין מענטלעכע גורלות אָנגעשלאָגן
און מיט זיי געעפנט טרערן־קוואַלן,
און מיט זיי געעפנט אַלטע ווונדן,
אָדער — ווען עמענס אויגן פול־געמאַכט
מיט וואַרעם ליכט פון גלויבן אָנגעצונדן ; —

אַרט מיך נישט, אַז כ׳וועל צו די,
וואָס זינגען פאַר די קומענדיקע דורות — נישט געהערן.
כ׳בין דער זינגער פונעם דור דעם היינטיקן
און, כ׳וויל נאָך היינט פון אים פאַרשטאַנען־ווערן.

אַ קראָ אין פרילינג

וואָס טוט נאָך דער קראָ אויף מיין דאַכשפּיץ?
וואָס קראַקעט ער מיר נאָך אין קאָפּ?
עס איז דאָך אַוועק שוין דער ווינטער,
אַוועק שוין! — וואָס פליט ער נישט אָפּ?

וואָס לויערט ער נאָך פון די הייכן,
מיט אומהיימלעך שווערן געפּאָך? —
דער בייכיקער רויבער, דער שוואַרצער,
וואָס לעבט נאָר פון חורבן און בראָך...

וואָס זוכט ער נאָך דאָ, און וואָס וויל ער?
וואָס שרעקט ער מיט אָנזאָג אויף קעלט —
אין פרילינג אין פולן, מיט צוזאָג
אויף גוטס פון אַ בעסערער וועלט...

דער טויט פון אַ חלום

בינעם העלערן

איך האָב אין האַרץ געהאָדעוועט אַ טויב,
אַ חלום־טויב, וואָס האָט מיך לאַנגע יאָר
געוואַרעמט, אויסגעוואַרעמט מיר אַ וועלט,
וואָס איך האָב זען געוואָלט זי, אויף דער וואָר:

אַ פרייע וועלט, אָן גרענעצן, אָן צוים,
אַ וועלט ווו אַלץ געטיילט־ווערט גלייך אויף גלייך,
און נאָך אַזעלכע פרומע ווונטשן פיל —
פון וואָס עס האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טייך...

געשען איז מיט מיין חלום־טויב אַזוי:
זי איז אַרויס, ווי נחס טויב, צו זען,
צי גייט דער בלוט־מבול דער וועלטס, שוין אָפּ
און — דאָס איז שוין איר לעצטער פלי געווען:

אַ רויטער אָדלער האָט פון ערגעץ־ווו
זיך רויבעריש געטאָן אויף איר אַ לאָז,
און ס׳האָבן פון דער הייך — ווי בלעטלעך שניי —
גענומען פאַלן פעדערלעך אין גראָז...

דער אָדלער האָט מיין חלום־טויב פאַרציקט —
נאָך לאַנגע יאָר זי האָדעווען אין מיר,
און אַ באַרויבטער — טראָג איך איצט אין האַרץ,
די ליידיקע, די קאַלטע נעסט — נאָך איר.

היים־ערד

דער מענטש...

„דער מענטש מאַכט שיין דאָס אָרט” און — נישט פאַרקערט.
און ערד — קאָן אומעטום זיין — גוטע ערד ;
עס ווענדט זיך וואָס'ער האַנט ס'באַאַרבעט זי —
אַז אויפגיין זאָל די ברכה פון דער מי.

אַזוי איז אויכעט מיט אַ פאָטערלאַנד :
עס ווענדט זיך וואָס'ער פאָטערלעכע האַנט
עס היט די היים ; ווער שיצט און זאָרגט פאַר דיר —
דו זאָלסט זיך פילן וואַרעם, גוט, אין איר.

דאָס לאַנד

כ׳האָב נישט ליב דאָס לאַנד,
וואָס כ׳האָב עס נישט געזען אין חלום —
איידער כ׳האָב געזען עס אויף דער וואָר.

דערפאַר —
מיין ליבע צו דעם לאַנד „פון צווייטן בראשית״,
וואָס כ׳האָב פריער דורכגעחלומט
און דעם חלום — אויסגעוואַרעמט
אין דער קאַלטער, פרעמדער נעסט —
אין פוילן־לאַנד.

דערפאַר איז פול נאָך מיט מיין חלום —
אויך די וואָר פון צווייטן בראשית:
ס׳לאַנד, וואָס פול איז מיט התגלות
און מיט וווּנדער איבער וווּנדער,
וואָס עס קאָנען הענט באַשאַפן —
ווען די וואָר ווערט לאַנג פון פריער
אויסגעחלומט פון די שעפער.

ו ת י ק י ם

אין כפר מנחם. 1963

אונטערביימער און אויף טרעפ און שוועלן —
זיצן דאָרפישע, קיבוצישע, פון די
וועמ' ס'לאַנד צאָלט אָפּ מיט וווקס און בלי—
פאַר זייער שווייס און בלוט,
פאַר זייער מי.

זיי זיצן פאַר די הייזער — מיט הנאה
פון די הימלען פון די זוניקע און בלאָע,
פונעם שעפן לופט און שעפן נחת
פונעם נאָכוווקס וואָס מאַכט פול דעם דרויסן,
און פון וואָס דען נישט ? !

זיי האָבן דאָך דאָס לאַנד, נאָך אין די וויקעלעך —
געהאַלטן אויף די שויסן
און, אַנטוויינט עס פון דער שרעק
פאַר יעדן פרעמדן שאָרוו און שאָרך
פון בריענדיקן מדבר־העק,
און פאַר די וויסטע נעכט —
ווען מחנות אויסגעהונגערטע שאַקאַלן
זענען מיט געיאָמער און געקלאָג —
פאַרהונגערטע ישובים ווילד באַפאַלן.
זיצן זיי, די ותיקים די גראָע,
ווי מיט זילבער־קרוינען אויף די קעפ

און — רועו, רוען אונטערביימער
און אויף שוועלן זוניקע און טרעפּ
און — קוועלן, קוועלן אָן פון זייער אויפּטו —
מיטן ווונטש אַז ס׳זאָל נאָך מערער ווערן,
און מיט אַ תפילה מיט אן איינציקע אין האַרצן:
אַז קיין פיינט, חלילה, זאָל עס נישט צעשטערן...

אין עין־השופט. 1965

איך זיץ אַצינד און טרינק די רו אין שאָטן פון אַ בוים,
וואָס נעכטן, דאַכט זיך, איז ער נאָך געווען דער גרינער טרוים,
דער חלום פון אַ סך חלומות וועגן וווּקס און בלי:
די וואָר, די העלע גרויסע וואָר שוין, פון דער גרויסער מי:
דער שכר פאַר שווייס און בלוט פון יענעם ווונדערלעכן דור,
וואָס האָט פאַרמאָגט עקשנות פון אַ הייסן ווילן נאָר.

איצט זיץ איך און איך רו ביי זיי אין שאָטן פון אַ בוים
און — מיר, אַן עדות פונעם צווייטן בראשית — גלויבט זיך קוים,
אַז דאָס וואָס כ'זע פאַר מיינע אויגן איצט, איז טאַקע וואָר,
אַז ס'שניידט די זיסע פרוכט פון ביטערניש — דער צווייטער דור,
וואָס קען מיך נישט און ווייסט נישט ווער ס'איז דער וואָס גאַפט און שטוינט
און רעדט עפּעס צו זיך אַליין: געלוינט זיך, יאָ געלוינט!..

צו אַ שומר פון לאַנד

שומר, שומר, שומר־ליל,
גיי און שפּאַר זיך צו אַ ווייל,
רו זיך אָפּ, נאָר שלאָף נישט איין,
ווייל מיר מוזן וואַך נאָך זיין.

אויך די שונאים זענען וואַך
און אַ סך, ווי הינט, אַ סך
און נישט ווייט פון יעדנס הויז,
וואָס זיי קוקן גיריק אויס.

ס'איז נאָך, שומר, ווייט צו טאָג,
ווייט פון סוף צו אונדזער פּלאָג.
און ס'איז לאַנג די קורצסטע נאַכט —
ווען מען היט וואָס, ווען מען וואַכט;

ווען מ'איז שטענדיק פול מיט חשד
צו דעם שאָרך פון יעדן בלאַט
און צום שאָרוועז פונעם גראָז, —
ווי אין אים וואָלט קריכן וואָס...

גיי זשע, שומר, רו זיך אָפּ.
האָב נאָר אויער, אויג און קאָפּ.
און די ביקס, וואָס דיר אין האַנט —
אַנגעטרויט האָט ס'פּאַטערלאַנד.

ש מ י ר ה

פאַר גלילה און אַלטער יאַבלאָנקאַ
אין עין־השופט

נאַכט.
עס שלאָפט דאָס פעלד,
און אויפן פעלד — דער ווינט.
עס שלאָפן אין די שטאַלן שאָף און רינד,
און אין די הייזער — מאַן און ווייב און קינד.
עס שלאָפט די מי,
די מי פון די,
וואָס פעדערן זיך פרי —
געוועקט פון עול.
עס שלאָפט אַיעדער פויגל אין זיין נעסט.
עס שלאָפן באַרג און טאָל,
נאָר שטענדיק לייכט אַ ליכט זיך אינדערנאַכט,
און שטענדיק איז פאַראַנען ווער, וואָס וואַכט,
און שטענדיק הערן אינדערנאַכט זיך טריט,
וואָס זאָגן: שלאָפט, שלאָפט רואיק,
איך בין וואַך, איך היט, איך היט.

העלדן

ס'פאַרגיסן די העלדן קיין בלוט נישט —
צו זיין בלויז פאַר דיכטער אַ טעמע ;
צו ווערן באַזונגען פון זיי
און פאַראייביקט אין ליד צי פּאָעמע :
איך זאָג עס צו יענע אָלימפּיש־פּאַרריסענע
דיכטער אין קרוינען,
די דיכטער, וואָס האַלטן אַז ס'קומט זיי
מען זאָל זיי ווי העלדן באַלוינען —
פאַר זיין די באַזינגער פון יענע,
וואָס גיבן אַוועק זייער לעבן
פאַר דאָס, וואָס אַ דיכטער אַזאַ
איז בכוח אַ ליד נאָר צו געבן.

מען איז זיך נישט מקריב —
צו זיין בלויז געלייטערט אין בלוט און אין פייער.
אויף קידוש־השם קאָן מען גיין נאָר פאַר דאָס,
וואָס איז הייליק און טייער.
און ווען' איז די היים אַזוי טייער,
און ווען' איז די היים אַזוי הייליק,
ווי זיי — די וואָס האָבן געבויט זי,
וו‍ו יעדער פון זיי האָט אַ חלק,
אַ חלק — אין בלוט פון די ציגל,
אַ חלק — אין בלוט אויף די שטיינער,
וואָס זענען געוואָרן געריסן

מיט זייערע נעגל און ציינער —
אַז אָפּדעקן זאָל זיך אין זוניקן בלענד
און כאַמסיניקן פלאַקער —
די ערד, וואָס יאָר־טויזנטער שוין —
נישט פאַרזוכט האָט, די שאַרף פונעם אַקער ;
די ערד, וואָס יאָר־טויזנטער שוין
האָט זי קיינעם און גאָרנישט געגעבן,
ביז : ס׳זענען חלוצים געקומען
איר ווּיסטקייט, איר טויטע — באַלעבן,
און צאָלן אַ חוב נאָר אַן אַלטן,
אַ חוב און אַ הייליקן שטייער
פאַר עפּעס אַזוינס, וואָס מ׳איז גרייט דערפאַר —
פרייוויליק גיין אויך אין פייער.

יורדים

יורדים זענען מעוועס
אויף די ברעגעס פון די ים־בוכטעס.
ווי מעוועס — שמייען זיי און פלאַטערן געהיים —
אַרום די שיפן אין די פּאָרטן.
ווי מעוועס — יאָגן זיי זיך נאָך אַיעדער שיף
און ס׳איז אַלץ איינס זיי, ווו זי וועט זיי ברענגען.

יורדים זענען מעוועס,
וועלכע פליען און דערפליען נישט אין ערגעץ.
פונעם מיטן ים־וועג
קערן זיי זיך אום דערשעפּטע, מידע,
צו די זעלבע ברעגעס פון ירידה.

מיין היים אין מיין היימלאַנד

ס'האָט יעדער אַ היים אין אַ היים:
אַ היים אין אַ היימלאַנד.
אויך איך, האָב אַ היים אין אַ היימלאַנד,
אַ היימלאַנד אַ וואַרעמס,
נאָר קאַלט איז ביי מיר אינדערהיים פון מיין היימלאַנד —
יאָגט זי, די קעלט מיך אַרויס פונדערהיים,
אַרויס צו דער פרעמד,
וועלכע ווערט מיר אַ היים,
אַ היים פאַר אַזאַ וואָס לאָזט נאָך זיך איבער
די איינזאַמקייט זיינע —
זי זאָל אויף אים וואַרטן
אַזוי ווי אַ טרויריקער הונט ביי אַ היים־שוועל...

פאָר איך אַוועק פון דער היים מיינער —
נעם איך נישט מיט זי, די היים;
איך לאָז זי, די היים, אינדערהיים
און — פאַרגעס זי און, בענק נישט נאָך איר,
ווי איך בענק נאָך מיין היימלאַנד.

ס ד ו ם

סדום איז נישט אין סדום
ביים טויטן ים המלח.
סדום איז דאָרט —
וווּ טויבן האָבן מורא זיך אַראָפּצולאָזן
פונדערהויך — אויף דר'ערד,
און ווילן אויף דער ערד נישט וואַגן
זיך אַרויפשטעלן ביי ווײמען אויפן אַקסל,
און צו נעמען שפּייז פון יענעמס האַנט.

סדום איז דאָרט —
וווּ קינדער שפּילן זיך אין יאַגד
אויף בלודנע קעץ און הינט,
וואָס ליגן שפּעטער טויט־פאַרשטיינט
אין סאַמע מיטן גאַס פון שטאָט,
וווּ רעדער פּרעסן זיי אַריין
אין אַספאַלטירטן ברוק.

און סדום איז דאָרט —
וווּ מענטשן גייען איבער מענטשן,
ווי זיי גייען איבער טרעפּ;
און דאָרט — וווּ איינער וואַרפט אַרויס
וואָס ס'וואָלט גענוג געווען פאַר צען —
נישט אויסצוגיין פון הונגער.

סדום איז נישט אין סדום
ביים טויטן ים המלח.

מיטן פנים צום וואַלד

אַ בוים

אַ בוים (אַיעדער בוים)
וואָס וואַקסט אויף גאָטס באַראָט,
פון נישט קיין האַנט געפלאַנצט,
נאָר פונעם ווינטס אַ קערנדל —
אַיעדער בוים אַזאַ,
איז נאָענט מיר און אייגן —
מיט דער איינזאַמקייט
און בליענדיקן אומעט,
וואָס איז פול מיט בענקשאַפט
נאָך באַהעפטונג מיט זיין אָפּשטאַם,
נאָך באַהעפטונג מיט דער עדה,
נאָך באַהעפטונג מיט צעצווייגטער
וואַלדיקער צעוואַקסנקייט
אין וועלכן ס׳ליגט דער המשך —
אויכעט ווען די שאַרפע האַק
מאַכט שיטער דעם געדיכטן וואַלד...

דאָס האַרץ פון וואַלד

כ׳טראָג מיט זיך אַרום דאָס האַרץ פון וואַלד:
דעם דינעם רויש, דעם סוד, דאָס טיפע שווייגן,
ליכט און שאָטן, אומעט דורכגעשטראַלט
פון קוקן דורך די פינגער, ווי דורך צווייגן...

פול בין איך מיט נעסטן אַלערליי,
און פול אין זיי מיט אַלערליי געזאַנגען,
גוט איז, גוט צו טראָגן ס׳האַרץ אַזוי,
און זיין אַליין, אין האַרץ פון וואַלד געפאַנגען...

פון ווייטן אַ וואַלד

פון ווייטן אַ וואַלד — אַ וואַלדיקע וואַנט,
וואָס פאַלט מיט דער גרינקייט — אין בלאָקייט אַריין —
דערמאָנט מיך, דערמאָנט אָן אַ ליכט אָן אַ העלס,
אַזאַ, וואָס געווען איז און וועט שוין נישט זיין.
דערמאָנט מיך אַ חלום, אַ חלום — אַ וואָר:
אַ לעבן אַ יונגס מיט צעשויבערטע האָר,
מיט הירשענע אויגן,
און הירשענע פיס,
מיט גרייט־זיין אַ לויף־טאָן,
אַ שפרונג־טאָן, אַ ריס,
אַ ברעך און אַ שליידער,
אַ הילך אויף אַ קול,
וואָס פאַלט ווי אַ יאָדרע אַרויס פון דער שאָל,
אַ שאָל פון אַ לעבן אַ יונגס, וואָס פלאַצט אויס —
אין צייטיקן זיך
אויף דער ערדישער שויס.

אין שטאָט

איך וווין אין שטאָט,
נאָר פול בין איך מיט וואַלדיקס,
פול מיט וואַלדגערויש,
און פול מיט רו און אומרו
פון אַ טיפער סודותדיקער שטילקייט.

כ'וווין אין שטאָט,
נאָר דורכן רעש דעם שטאָטישן —
דערגייט צו מיר דער ווייטער אָפּהילך
פונעם וואַלדהאָרן, וואָס רופט
און מיינט אַוודאי מיך...

אין בענקשאַפט נאָך וואַלד

אין בענקשאַפט נאָך וואַלד —
האָט דער דמיון געפירט מיך צו אים
און אַריינגעפירט — נישט אויף אַרויסצוגיין —
טיף אין זיין וואַלדגעווילד,
ווי אין אַ נעץ אַ געדיכטער,
אַ נעץ, ווו די זון, ווען זי זעצט זיך —
פאַלט אויכעט אַריין ווי אַ פישל אַ גאָלדנס,
וואָס צאַפּלט און ציטערט און, לעשט זיך.

גיי איך אַרום אָט אַזוי אינעם וואַלד פון מיין דמיון —
אויך אין די נעכט ווען עס רעגנט מיט שטערן,
וואָס פאַלן אין אים, ווי די לייכטווערעם,
אָדער — אין נעכט, ווען די האַלב־ראָד פון מולד
באַשטעקט אַלעביימער מיט זילבערנע קאַמען,
וואָס שיינען אַרויס, ווי פון פרויען־פריזורעס.

אין וואַלד, אַליין...

איידער זיך אַרומדרייען אַ פרעמדער צווישן מענטשן —
בעסער זיך אַרומדרייען אין וואַלד צעווישןביימער,
ווען מענס אָרעמס ס׳זענען שטענדיק אָפן,
און די הענט די אָדעריק־צעצווייגטע
האַלטן אין איין דוכענען און בענטשן —
גרייט אַרונטערנעמען יעדן
אונטער זייער גרין באַדעקנס.

גייסטו אַזוי צווישן ביימער:
אַ בוים גיט דיך איבער אַ בוים
און — זיי פירן דיך, פירן אַריין דיך
אַלץ טיפער, אין מלכות פון שטילקייט,
אַלץ טיפער אין מלכות פון רו —
מיטן איינציקן אומרו פון פחד
פאַר אַ מענטש אין וואַלד, אַליין, ווי דו...

וואַרעם־נאָענטס

האָט זיך מיר פאַרבענקט נאָך וואַלד,
נאָך אַלטן וואַלד,
וואָס שטייט אויף העלפאַנט־פיס
און שלאָגט מיט גבורה,
שלאָגט מיט ריחות ווי פון אַלטן וויין,
און איז אין שטילקייט איינגעהאָרכט אין זיך
און צו אַיעדן בוים,
וואָס אַלע — לעבן זיי און שטאַרבן, שטייענדיקערהייט,
און ס׳קאָן זיי נאָר אַוועקליייגן אַ דונער און די האַק...

אַיעדער בוים וואָס איך באַגעגן ווו
אין שטאָט צי הינטער שטאָט —
דערפרייט מיך ווי אַ ליבער גרוס
פון עפעס ווייטס און וואַרעם־נאָענטס :
פון אַ וואַלד און פון אַ קינדהייט,
וואָס פאַרלוירן האָט זי זיך
אין טיפער וואַלד־געדיכטעניש,
ווו כ׳זע זי נאָך אַרומלויפן
און הער זי אין דער וואַלדמוזיק
פון קולות און פון ווידערקולות —
רופן און זיך איבעררופן
מיט די בעלי־חי פון וואַלד :
די זינגפייגל און קלאָגפייגל,
די וועקפייגל און שרעקפייגל —
דער כאָר פון וואַלדגעווילד,

דער כאָר וואָס זינגט לכבוד „פּאַן״:
דעם הערשער פון אַ קעניגרייך,
וואָס פול איז, פול מיט סוד און שפּאַנונג,
ווי אַ קינדער־מעשׂהלע,
וואָס הערן מעג עס אויכעט אַ דערוואַקסענער —
אין שויס און אין די אָרעמס פון אַ וואַלד.

יונגוואַלד

ווי אויף שלאַנקע הירשנפּיס אויף דינע —
שטייט אַ וואַלד, ערשט נאָר־וואָס אויפגעשאָסן,
מיטן פּוך פון ערשטן שפּראָץ דעם גרינעם,
און מיט ליכט מיט דורכזיכטיק, פאַרגאָסן.

באָדן זיך אין ליכט אַזוי די רייען
ביימער, ווייך־צעצווייגט און בראָנדז־פאַרברוינטע,
ווי זיי וואָלטן ראָד אין ראָד זיך דרייען
נאַקעטע, מיט קעפּ נאָך־נישט־באַקרוינטע, —

שטייט דער וואַלד, אין טאַנץ אַריינגעצויגן
מיט דער פרייד פון וואַקסן און פון בליען,
און ער דרייט זיך, שווינדלט פאַר די אויגן,
ווי די ערד וואָלט אונטער הירשן, בריען.

אַלטוואַלד

אַלטוואַלד־ביימער זענען אורוואַלד־זיידעס:
וואָרצלען ווי מיט צווייגן אין דער ערד
און וואַקסן שוין נישט מער, נאָר גרינען נאָך
מיט ווילדע שטעכיק־האַרטע בערד,
מיט גרינער מאָכיקייט, ווי גרינער ראָסט
אין יעדן טיפן קנייטש פון זייער הויט:
די קאָרע זייערע, וואָס טריקנט, קרישלט זיך
און אָטעמט מיט דער פוילעניש פון טויט...

שטייט אַ וואַלד אַזאַ, מיט זיין פאַרוואַקסנקייט,
מיט זיין געדיכטעניש וואָס לאָזט נישט דורך קיין שיין,
און — ס'לעבן ביימער אַלט־פאַרגעסענע —
אין יאָרן הונדערטער אַזוי אַריין...

וואַלדקלאַנגען

כ׳בין בדימיון אַלץ נאָך אינעם כישוף־קרייז פון וואַלד,
וווּ פאַר די ביימערישע, אויפגעשפּיצטע אויערן —
גייט קיין האַרצקלאַפּ נישט פאַרלוירן.

דריי איך זיך אַרום אַזוי אין וואַלדגעווילד, —
פון אים געפאַנגען —
כאָטש אַליין בין איך אַריין אין אים
און אַ פאַרכישופטער — פאַרגאַנגען
אין דער וואַלדטיף — קלויבן קלאַנגען,
וואַלדקלאַנגען פאַר מיינע לידער,
וואַלדקלאַנגען פון בעלי־חי, וואָס וווינען
אין דער הוילעניש און פוילעניש פון ביימער, —
אונטער גרינע, דורכגעשטראַלטע קרוינען.

נישט שטענדיק

דער וואַלד איז נישט שטענדיק פֿאַר טרוימער, פּאָעטן,
וואָס קומען ביי זינגפּייגל לערנען זיך זינגען.
דער וואַלד ציט נישט שטענדיק אַריין קיין פֿאַרליבטע,
וואָס זוכן צעבלעטערטע חופּות פֿון ביימער.
דער וואַלד איז נישט שטענדיק דער רייץ פֿאַר דער יוגנט,
וואָס לויפֿט אים אַדורך ווי אַ ווינט פֿונעם מדבר...
דער וואַלד איז נישט שטענדיק פֿאַר זאָרגלאָזע יעגער,
וואָס קנאַלן און שאַלן אים דורך מיטן יאַגד־לוסט.

עס טרעפֿט אַז דער וואַלד איז נישט איינמאָל דער מקלט
פֿאַר שדים און רוחות וואָס האָבן פֿאַרכאַפּט אים,
און וואַרפֿן אַן אימה אויף די וועלכע דאַרפֿן
אַמאָל אים אַדורכפֿאָרן אָדער אַדורכגיין —
נאָך דעם ווי מען האָט אין אים ערגעץ געפֿונען,
צעריסן פֿון וועלף — אַ מיוחסדיק רייטפֿערד,
צי גאָר אַ געהאָנגענעם מענטש אויף אַ פֿעטליע —
פֿאַרוואָרפֿן אַריבער אַ צווייג אַ סענקאַטן.

דער וואַלד איז נישט שטענדיק אַ וועלט, נאָר פֿאַר קינדער.
אַ וועלט וואָס איז פֿול נאָר מיט מעשהלעך שיינע,
וואָס רייצן און האַלטן געשפּאַנט זיי — אפֿילו
אין שרעק פֿון דערציילן זיי וועגן גזלנים,
און וועגן מכשפֿות וואָס ווינען אין אויסהויל
פֿון אוראַלטע ביימער און — טוען אָן כּישוף
די קינדער וואָס גייען אַליין אין די וועלדער,
ווו ס'זוכן אַרום זיי, נישט ווייניק, די בערן...

עס טרעפט, אַז דער וואַלד ווערט פאַרנומען פון חיל,
וואָס קומט אין אים פלוצעם מיט העק און מיט זעגן
און — הייבט אים אָן האַקן — אַ וועג דורכצוהאַקן —
אויף קירצן דאָס צוקומען מיטן כלי־זין
צום שונא וואָס האָט זיך פאַרשטעקט און פאַרטייעט
אַזוי ווי אַ חיה וואָס גרייט זיך אַ שפרונג־טאָן...
און ס׳טרעפט, אַז דעם וואַלד רייסט די שטילקייט פונאַנדער
אַ דונער וואָס איז נישט קיין אָנזאָג אויף רעגן...

און נישט פון קיין בליץ נאָר קאָן ווערן געטראָפן
אַ בוים — ער זאָל ברענען אַזוי ווי אַ פאַקל —
דער וואַלד, צוליב אים, זאָל אַוועקגיין אין פלאַמען
און לאָזן, לזכר, נאָר גלאָווינעס שוואַרצע —
נאָך דעם ווי אַ שונא האָט ס׳מלכות דאָס גרינע
באַשפּיגן מיט פייער און אונטערגעצונדן,
און ווי אַן אָראַקל — אין רויב־צוג אין זיינעם —
געשטעלט אויף פאַרשׂרפעטע קני, אויכעט דעמבעס.

וואַלד אין אַלע צייטן

איז מען נישט אין וואַלד געווען אין פרילינג —
ווייסט מען נישט, וואָס מיינט אַזוינס — דערוואַכונג,
אויפשטייען פונדאָסניי, פון טויט — צום לעבן,
נעמען זייגן פון דער ערד די זאַפטן,
נעמען וואַקסן, שפּאַרן מיט די קעפּ זיך —
טרינקען זוניקייט און הימל־בלאָקייט;
איז מען נישט אין וואַלד געווען אין פרילינג,
ווען די ווינטלעך בלאָזן פון די צווייגן
ס׳ערשטע בליעכץ, ערשטן צוויט אַרונטער;
ווער עס האָט דעם פרילינג נישט באַגעגנט
אין קיין וואַלד באַשאָטן מיט „זשיוויצע״ —
דער האָט נישט געטעמט מיט קיין יונגשאַפט.

איז מען נישט געגאַנגען זומער נאָך אַ רעגן
אין אַ וואַלד אַן אויפגעפרישטן, קלויבן שוואָמען;
איז מען נישט פון וואַלד־ריחות אין שאָטן איינגעשלאָפן
אויפןביימער־אָפּפאַל, ביי אַ בוים צופוסנס —
קען מען נישט דעם וואַלד ווי ס׳קען אים דער וואָס היט אים,
און מען ווייסט נישט ווי די מינים ביימער הייסן,
און מ׳איז פרעמד צעווישן זיי — צום גיין פאַרלוירן
מיטן תענוג פון אַרומבראָדיען און בלאָנדזשען,
מיט דער רו אין וואַלד וואָס וועקט נישט ווייניק אומרו
און, אַ הירשענע צעשראָקנקייט, אפילו
פאַרן קינדיש־חנעוודיקן רוף פון קוקו,
וועלכער האָט זיך ווו פאַרשטעקט און הייסט זיך זוכן...

איז מען נישט אין וואַלד געווען האַרבסטצייט,
ווען אַיעדער בוים אין אים רייסט קריעה,
איז אַן אָבל נאָך דער בליצייט זיינער,
וואָס די ווינטן טראָגן זיי צו קבורה;
איז מען נישט אין וואַלד געווען האַרבסטצייט —
קען מען נישט דעם שטראַלנדיקסטן טרויער,
וואָס צוזאַמען מיטן טיפסטן אומעט,
גייען זיי געאָרעמט מיט דער בענקשאַפט
איינגעהילט אין שלייערן פון נעפּלען —
צווישןביימער — נאַקעטע מצבות
איבער בערגלעך לייכטנדיקע בלעטער,
וואָס די ווינטן האָבן אויפגעשאָטן.

איז מען נישט אין וואַלד נאָך האָלץ געפאָרן ווינטער,
ווען די ביימער אונטער בלענדיק שניי־באַדעקנס —
ברענען פייערלעך ווי גרויסע קאַנדעלאַבערס
אָנגעצונדענע פון זונאויפגאַנג און שקיעות;
גייט מען ווינטער נישט אין וואַלד אַריין — דער זעט נישט
די פאַרכאַפּנדיקע נישט־גערעמטע לאַנדשאַפט:
שוואַרץ אויף ווייס וואָס פאַלט אין טיפער דעמער־בלאָקייט —
אָוונטצייט, ווען ס'שטעלט זיך אָפּ דאָס איבערפליען
פון די שוואַרצע קראָען אויף די ווייסע ביימער
און, זיי הערן אויף דאָס קראַקען דאָס פאַרקייכסטע,
ווי זיי וואָלטן אויך זיך איינגעהערט מיט ציטער —
צו דעם וועלפישן געוואָי וואָס טראָגט פון וואַלד זיך.

די גרינע ראַסע

די וועלט, די גאַנצע וועלט
איז די היים פון דער ראַסע דער גרינער,
די היים פונעם ביימער־פאָלק.

אומעטום רייך
און אין ערגעץ נישט פרעמד אויף גאָטס ערד —
רעדט דאָס ביימער־פאָלק
איין און דאָס זעלביקע לשון:
דאָס לשון פון שווייגער,
וואָס טראַכטן און זוכן דאָס וואָרט —
אין די אייגענע טיפן,
און רעדן צו יענע וואָס הערן די שטומקייט אַליין.

דאָס ביימער־פּאָלק

פון אַלע פעלקער, איז צום נאָענטסטן, צום ליבסטן מיר —
דאָס פרידלעכסטע, דאָס שטילסטע פאָלק:
דאָס ביימער־פּאָלק,
די גרינע ראַסע,
וואָס איז גרין אפילו אונטער שניי.

דאָס גרינע פאָלק איז גאַסטפריינטלעך.
די גרינע אָרעמס נעמען אויף אַיעדן
ווער עס וויל אין זיי געפינען שוץ און רו...

און מיר איז ליב דאָס ביימער־פּאָלק,
ווייל ס׳איז מיר נאָענט — ביימערשפּראַך,
דאָס שווייגן פון אַ גאַנצן וואַלד,
וואָס ווינטן מאַכן ריידעוודיק
און הייבן אויף אין אים אַ רעש,
ווי פון אַ וואַלד מתפּללים,
וואָס בעטן צו דעם וואַלדגאָט „פּאַן" —
עס זאָל קיין שטורעם נאָר נישט זיין —
ווייל ס׳קאָן אַ בוים זיך נישט באַהאַלטן
פאַר אַ וואָלקנבראָך
און, אויך נישט פאַר קיין בליץ און פאַר קיין דונער,
ווען וועלדער ברענגען אָפּט קרבנות...

צו וואַלד און וואַלדיקס

ווי ס'וואָלט אין מיר זיך אויפגעוועקט דער אורוואַלדמענטש —
ציט עס מיך צוריק צו וואַלד און וואַלדיקס.
וואַלד — כאָטש כ'בין אין אים נישט אויסגעוואַקסן,
און מיט אים נישט מיטגעוואַקסן,
בין אים דורכגעלאָפן נאָר —
ווען כ'האָב זיך נאָך געיאָגט נאָך זומער־פייגעלעך,
געיאָגט נאָך יעדן פּלאַטערל,
צי נאָך אַ העזל אַ צעשראָקנס,
וואָס כ'בין נאָכגעלאָפן מיט נישט ווייניק פּחד
פאַר דער וואַלדטיפקייט און וואַלדשטילקייט,
און פאַר דער וואַלד־געדיכטעניש
וווּ ס'האָט געוווינט די מכשפה „באַבאַ־יאַגאַ",
וווּ זיך אויסבאַהאַלטן האָבן וואַלד־רוחות
און ווילדע חיות־רעות און גזלנים...

ציט עס מיך צוריק צום וואַלד,
וווּ כ'האָב זיך אויסבאַהאַלטן מיט מיין ערשטער ליבע
און געיאָגט זיך נאָך מיין ליבסטער,
וואָס געלאָפן איז זי פלינקער פון אַ סאַרנע,
און געשריגן: כאַפּ מיך! כאַפּ!
און — אונטערן געשאַל פון וואַלדהאָרן —
געלאַכט פון מיר, וואָס כ'קאָן זי נישט דעריאָגן...

װעלכע װעגן פֿירן איצט צו יענעם װאַלד?
װוּ נעמט מען איצט די מורא פֿאַרן זײַן אַלײן אין אים? —
פֿון װאַנען כ'הער נאָך איצט די קולות פֿון מײַן קינדהײט,
און די קולות פֿון מײַן רײַפֿער יוגנט,
װאָס גערופֿן האָט זי יוספֿהן,
יוספֿהן מיט די אַגרעס־גרינע אױגן,
װי צװײ טײַכלעך מיט דער אָפּשפּיגלונג פֿון װאַלדיקס...

אַן אַרמיי אַ פרידלעכע

ווי יונגע, שלאַנקע, שטייפע זעלנערייען
אין געפּלעקטע קאַמאָפלאַזש־מונדירן —
שטייט אין גרין און ברוין אַ וואַלד און, ס׳דאַכט זיך,
אַז דיביימער גייען, גייען,
גייען רייענווייז, מאַרשירן,
שטעלן פיס — מיט טריט אויף נישט צום הערן,
טריט פון אַן אַרמיי,
וואָס וויל די וואַלדשטילקייט נישט שטערן,
אַן אַרמיי אַ באָרוועסע, אַ פרידלעכע,
נישט אויסן אויף קיין בייז און שלעכטס, —
צעשיט זי זיך אויף לינקס און רעכטס,
פאַרנעמט זיך באַרג־אַרויף, אַראָפּ,
און ווייט אַוועק, ווו ס׳לאַגערן און לאַנדן
ביימער, וועלכע זענען שוין דערגאַנגען
ביז די טיף־אַראָפּגעלאָזטע הימל־ראַנדן.

שטייט אַ וואַלד...

שטייט אַ וואַלד — דיביימער הויך פאַרריסן,
ווי זיי וואָלטן איינער מיטן צווייטן
זיך געמאָסטן ווער ס׳איז העכער, ווען
ס׳קומט די קרוין די זוניקע צו טראָגן...

און די ביימער, די וואָס — נישט דערוואַקסן —
גרייכן זיי נישט צו די גרינע אַקסלען
פון די ברייט־צעוואַקסענע און הויכע,
וואָס פאַרשטעלן זיי די וועלט די גאַנצע, —

שטייען זיי ווי אויף די שפּיצן פינגער
פון די שמאָלע הירשנפיס די לאַנגע,
ווי זיי וואָלטן זאָגן: לאָזט אונדז אויכעט
טאָן אַ קוק אויף יענער זייט אַריבער, —

דאָרט, וווּ ס׳טרעפט די ערד זיך מיטן הימל —
סיי אין ליכט פון טאָג, ווען דורך די צווייגן
רינט צו אונדז די בלאָקייט דורך די פינגער,
סיי ביינאַכט, אין ליכט פון דער לבנה —

ווען מיר זילבערן און ציטערן ווי נאַקעט,
אָדער ווען די פינצטערניש באַפאַלט אונדז
און מיר דאַנקען גאָט אַז ס׳פאַלט אַ שטערן
אין די אָרעמס אונדז אַריין און — לעשט זיך...

טועןביימער תפילה...

זומער — ווי אין גרינע קאַפּישאָנען,
ווינטער — ווי אין קיטלען און טליתים, —
טוען, דאַכט זיך, ביימער, שטענדיק תפילה,
תפילה ביחידות און בציבור:
שטייט אַ וואַלד אַ גאַנצער און ער דאַוונט,
ביימער שפּרינגען קדוש, קדוש, קדוש —
פאַרן הימל, פאַר דער זון און — מ׳איז מחדש
אַלץ — ווי מ׳איז מחדש די לבנה.

שקיעה־צייט, ווען אַלע, אַלע קרוינען
לעשן זיך מיט אויפבליצן מיט לעצטע;
ווען די העכסטע ביימער ווערן קלענער,
ווי צונויפגעטולעטער און ענגער —
שטייט אַ שטומער וואַלד ווי פאַרן „אויסגיין"
וויגט זיך, וויגט זיך און, איז פלוצעם „מפסיק":
ס׳האָט אַ פויגל אָוונטיק צעשראָקן
פון אַ בוים־אַראָפּ געטאָן אַ פלאַטער,
איינגענעסטיקט זיך און שטיל געוואָרן,
שטיל, ווי ס׳ווערט דער ווינט אין וואַלד אַנטשלאָפן.

וואַלד אין רעגן

שטייט אַ וואַלד מיטביימער — ריזן —
אומבאַהאָלפענע ווי קינדער —
ווען עס קעמט דער ווינט, די גרינע קעפּ זיי
און די בערד, די גרינע,
קעמט און רייסט ביי זיי,ביים קעמען —
קלומבעס בלעטער מיט די צווייגן,
רויטע קאַשטאַנעס
און ברוינע שישקעס,
שטרויעלעך פון נעסטן
ווו עס טוליען זיך די פייגל — פאַר אַ רעגן.

שטייט אַ וואַלד מיט ביימער — ריזן —
אומבאַהאָלפענע ווי קינדער
און — אַ פלייצרעגן, ער וואַשט זיי,
שמייסט זיי ווי מיט נאַסע ריטער
און, זיי ציטערן און קרעכצן
ביז — די זון איז זיך מרחם,
רייסט זיך דורך צו זיי דורך וואָלקנס,
טוט זיי אָן צוריק די קרוינען
די פּאַרלוירענע אין שטורעם
און, זיי לייכטן מילד און שמייכלען
אויסגעצוואָגענע און ריינע,
נאַסע נאָך און אָפּגעדעקטע
מיט די גלאַנציק־ברוינע שטאַמען
און, צעפינקלטע מיט טראָפּנס,

װאָס זײ טריפֿן נאָך און פֿאַלן
פֿון אַיעדן בלאַט און בלעטל,
פֿון אַיעדער צװײַג און צװײַגל, —
פֿאַלן זוניק,
רעגנבױגן־פֿאַרביק,
װי דער טױ, באַגינען.

וואַלד, באַרג־אַרויף

ווי פון אַ צעשאָטענער אַרמיי אַ גרויסער —
האָבןביימער־מחנות זיך אַ לאָז־געטאָן
דעראָבערן אַ באַרג אין וועג,
אים איינגעמען מיט שטורעם —
אין אַ וואַלדיקער, געהיימער שטילקייט.

שפּאַנען ביימער, קלעטערן פּאַרעקשנט, באַרג־אַרויף.
עס וויל אַ בוים דעם צווייטן איבערשטייגן,
ס'וויל אַ בוים, דעם צווייטן איבעריאָגן,
יעדער וויל דער ערשטער אויפן שפּיץ פון באַרג
אַוועקשטעלן זיין פוס...

ערשט אויבן, אינדערהייך שוין,
אויפן באַרג דעם שווער־באַזיגטן —
זעט מען ווי די גרינע מחנות
לאָזן זיך צוריק אַרונטער,
ווי עס וואָלטן סטייעס הירשן
מיט געקרוינטע קעפּ פון ביימער,
אין בהלה זיך צעלאָפן,
זיך געשאָטן באַרג־אַראָפּ...

וואַלד אין שכינה

אונטער דין־באַגילדטע קרוינען גרינע —
רוט אויף יעדן בוים אין וואַלד די שכינה
און, זיי שטראַלן, גיסן ליכט דורך צווייגן,
שווייגן, צווינגען־אויף, ווי זיי, צו שווייגן
און אין זיך אַליין זיך איינצוהערן —
עפּעס זאָל ביי זיך נתגלה ווערן
ביחידות, אין השתפכות־פיבער —
מיטן וואַלדיק־גרויסן ביימער־ציבור,
וועלכער הערט נישט אויף צו זיין מתפלל,
שפּרינגען קדוש, און צו זאָגן הלל.

לאַנד אָן וואַלד

אַ לאַנד וואָס האָט קיין וואַלד נישט — אַזאַ לאַנד
איז נאַקעט ווי אַ דלאָניע פון אַ האַנט,
און אָרעם — מעג עס זיין אפילו רייך
מיט וואַסערן פון אָזיערע און טייך,
און מעג דאָס לאַנד, ווי אין אַ בלאָער ראַם
מיט גאָלד־ברעגעס — פאַרגאַרטלט־זיין מיט ים —
איז אומעטיק אין אים און, מאָנאָטאָן —
אויב ס׳גיסט זיך נישט דער בלאָער הימל־פאָן
צונויף אין האָריזאָנט, ווי מיט אַ וואַנט
אַ טונקל־גרינער — פון אַ וואַלד אין לאַנד,
אַ וואַלד וואָס נעמט אַרום און טוליעט צו
און גיט אַ מענטש אַן אומרואיקן, רו.

איבער מיר

די זון, זי פֿאַלט שוין איבער מיר און פֿאַלט.
דער טאָג מיינער, ער נויגט זיך צו פֿאַרגאַנג.
עס שטייט אין פֿלאַמען שוין און ס׳ברענט דער וואַלד
ווו כ׳האָב געלערנט זיך געזאַנג —
ביי פֿייגל אויף די צווייגן,
און ביי טיפֿע וואַלדשטילקייט —
געלערנט שווייגן
און פֿאַרנעמען יעדן שאָרוו און שאָרך,
אַיעדן ציטער,
וואָס מאַכט פֿול מיט אומרו,
ווי מיט אַנזאָג אויף געוויטער.

אינהאַלט:

איבערבלייב

פון מיין שיר השירים

ביסט איינע פון יענע 9
דער טוי פון דיינע צוואָנציק פרילינגס 10
האָסט אונטערגעצונדן 11
ווי אַ נר תמיד 12
כ'קאָן שוין... 13
כ'מעג נאָך איר... 14
פאַלנדיקע שטערן א 15
ב 16
מיט דיר 17
אַזאַ ווי דו 18
צו מיין פריינדין אַלין 19
אין מיין עלטער 21

איך, און מיינע לידער

א 23
ב 24
ג 25
ד 26
ה 27
מיינע לידער 28
מיט לידער 29

פאַרגייענדיקס

א 30
ב 31
ג 32
ד 33
ה 34
איך לעב מיטן איצטער 35
ס'ברענען וועלדער 36
אין געזאט פון שטאָט 37
צו די ווינטן 38
אין היגטישן עלנט 39

וואָס ?.. 40
אין פאָרט 41
פון שטאָט אין דאָרף 42
אַזאַ מין גליק 44

מיין וועלט

טרויעריק 47
מיין וועלט 48
יאָרן א 49
ב 50
ג 51
מיין קאָפּ 52
פון חלום 53
אַלץ וואָס אַרום מיר 54
כ׳בין כולו אויער 55
אויף דער שיף „פּאַטריאַ״ 56
אויף דער שיף ״קדמה״ א 57
ב 58
אויף דער שיף „סעזאַרעי״ א 59
ב 60
ג 61
באַרג־אַרויף א 62
ב 63
וועגן הינט 64
דער קערן... 65
געזאַנג 66
נאָענט א 67
ב 68
פּאַראַדאָקסאַל א 69
ב 70
ג 71
ווערטער 72
אין ווערטער־וואַלד 73
רייד 74
דאָס פאַרלוירענע וואָרט 75
פרעש 76
טויבע זינגער 77
צום דיכטער 78

ליכט און שאָטן

צווישן טויט און לעבן א 81
ב 82
ג 83
באַלאַדע וועגן אַ דערטרונקענעם 84
קאָנצערט 85
צוויי אַלטע סאָסנעס 86
אונטער אַ בוים 87
ווינטער־לאַנדשאַפטן 88

בעטלער
צוויי בלינדע 90
איינער מיט אַ מאַנדאָלינע 91
איינער מיט אַן אַקאָרדיאָן 92
אַ בעטלערין מיט נישט איר קינד 93
בעטלער טיילן זיך 94
אַ בעטלער גיט אַ נדבה 95
טרויער פון אַ בלינדן בעטלערס הונט 96
מיין מוזע וויל אַ גט 97
דערווידערונג 98
* 99
אַ דיכטער — אַ זינגער 100
צו די, וואָס ווילן שוינס... 101
אַ קראָ אין פרילינג 102
דער טויט פון אַ חלום 103

היים־ערד
דער מענטש 104
דאָס לאַנד 105
ותיקים 106
אין עין־השופט 108
צו אַ שומר פון לאַנד 109
שמירה 110
העלדן 111
יורדים 113
מיין היים אין מיין היימלאַנד 114
סדום 115

מיטן פנים צום וואַלד

אַ בוים	119
דאָס האַרץ פון וואַלד	120
פון ווייטן אַ וואַלד	121
אין שטאָט	122
אין בענקשאַפט נאָך וואַלד	123
אין וואַלד, אַליין	124
וואַרעם־נאָענט	125
יונגוואַלד	127
אַלטוואַלד	128
וואַלדקלאַנגען	129
נישט שטענדיק	130
וואַלד אין אַלע צייטן	132
די גרינע ראַסע	134
דאָס ביימער־פאָלק	135
צו וואַלד און וואַלדיקס	136
אַן אַרמיי אַ פרידלעכע	138
שטייט אַ וואַלד	139
טוען ביימער תפילה	140
וואַלד אין רעגן	141
וואַלד, באַרג־אַרויף	143
וואַלד אין שכינה	144
לאַנד אָן וואַלד	145
איבער מיר	146

ביכער פונעם זעלבן מחבר:

אין זוניקן לאַנד (פּאַלעסטינע־לידער), פאַרלאַג „נייע קולטור“, וואַרשע 1927.

רויט אויף שוואַרץ (לידער), פאַרלאַג „נייע קולטור“, וואַרשע 1929.

גאָלדענע זאַמדן (פּאַלעסטינער לידער), פאַרלאַג „אייגנס“, וואַרשע 1932.

סערגיי יעסענין (געקליבענע לידער), פאַרלאַג „אייגנס“, וואַרשע 1933. אַרויסגעגעבן ביי דער מיטהילף פון ליטעראַטור־פאָנד ביים פאַריין פון יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן אין וואַרשע.

אונטער פייער (לידער), פאַרלאַג „אייגנס“, תל־אביב 1939.

מן הטנא (שירים), הוצא על־ידי הוועדה להוצאת כתבי המשורר, תל־אביב, תש״ב.

געקליבענע לידער (פון היים, בונט, קריג און חורבן), איקוף־פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1947.

אַן עלנד הויז (דערציילונגען), פאַרלאַג קליינביבליאָטעק, תל־אביב, ישראל, 1950.

פרוכט פון ווינט (געקליבענע לידער), אַרויסגעגעבן פונעם י. פּאַפּיערניקאָוו־קאָמיטעט ביי דער יידישער קולטור־פעדעראַציע, יאָהאַנעסבורג, 1952.

מיין שיר השירים (לידער פון ליבשאַפט), פאַרלאַג „ניי לעבן“, תל־אביב, 1953.

היימישע און נאָענטע (דערמאנונגען), פאַרלאַג י. ל. פרץ־ביבליאָטעק, תל־אביב, ישראל, 1959.

די זון הינטער מיר (לידער), פאַרלאַג י. ל. פרץ־ביבליאָטעק, ת״א, ישראל, 1961.

פרי גני (שירים), הוצאת ספרים „מנורה“, תל־אביב, 1962.

פון צווייטע בראשית (לידער און פּאָעמען), אַרויסגעגעבן פונעם י. פּאַפּיערניקאָוו־יובל־קאָמיטעט ביים יידישן ליטעראַטן און זשורנאַליסטן־פאַריין אין ישראל, פאַרלאַג י. ל. פרץ־ביבליאָטעק אי זיאָר 1964.

מיין שיר השירים (לידער פון ליבשאַפט), צווייטע, פאַרגרעסערטע אויפלאַגע, פאַרלאַג „מנורה“, תל־אביב, 1966.

איבער חורבות פאַרלאַג „מנורה“, תל־אביב, 1967.